# משיחת י׳ שבט תשכ״ח

א. די התועדות איז דאך פארבונדן מיט עשירי בשבט, דער טאג פון דעם הילולא - יארצייט פון כ"ק מו"ח אדמו"ר. מצד קביעות שנה זו (יו"ד שבט חל ביום ו' עש"ק) איז אפגעשטעלט געווארן דער יו"ד שבט פארברענגען אויף מוצאי שבת,

ובמילא - בהוספה אויף די ענינים הרגילים וואס זיינען פארבונדן מיטן יום הילולא פון א צדיק, ובפרט פון א נשיא הדור, וואס אט דאס (זייענדיק א נשיא) פארבינדט דאך נאך מערער די מתוועדים מיט דעם בעל ההילולא,

קומט נאך צו דער ענין (מצד דעם שבת שבינתיים), אז די התועדות קומט פאר מוצאי שבת, ווי עס ווערט אפגע'פסק'נט אין שו"ע (עפ"י המבואר אין ראשונים ביז אין גמרא) איז מוצאי שבת דער זמן פון מלוה מלכה, און ווי סעודת מוצאי שבת ווערט אנגערופן - סעודת מלוה מלכה, און ווי דער אלטער רבי ברענגט בשו"ע שלו (דעם לשון פון די פריערדיקע אבער ווי דאס איז אין שו"ע, איז דאך דאס א ענין וואס איז פסק דין), אז דאס איז כמלוה את <u>המלך</u>, ניט נאר מלכה, נאר אויך מלך, און ווי דער אלטער רבי איז נאך מוסיף "בצאתו מן העיר" (וכפי שיתבאר לקמן).

א דריטע זאך וואס עס קומט נאך צו: עס קען דאך זיין מוצאי שבת פון כמה שבתות בשנה, איז עס דאך (היינט בייאכט) מוצאי שבת פון שבת שירה.

ווי עס איז פון דעם לשון אליין פארשטאנדיק איז מוצאי <u>שבת</u> אן ענין וואס האט א שייכות צו די ענינים פון שבת. ובמוצאי שבת זו, פארבונדן מיט שבת <u>שירה</u>, וכשמה - דאס איז פארבונדן מיט א שיר, וואס שיר איז דאך פארבונדן מיט שמחה, וואס דאס איז דאך א ענין פון התועדות.

דערנאך קומט צו (און דאס איז בכל השנים), בשעת עס איז שבת שירה איז דאך אין אומרים שירה אלא על היין, וואס דער אמת'ער ענין פון יין איז דאך דאס דער ענין פון יינה של תורה, וואס דערפאר איז דאך אלעמאל, נאך שבת שירה, די התחלה פת די סדרה פון מתן תורה.

עס איז דאך מוצאי שבת פון פרשת בשלח, שבת שירה, וואס אין סיום וחותם הסדרה שטייט וועגן דעם מן, וואס דער ענין המן איז געווען, כמפורש בקרא, "למען אנסנו הילך בתורתי", א נסיון וואס איז פארבונדן מיט תורה,

דאס איז אויך וואס ער דרש'נט אין מכילתא ובמדרשים, אז "לא ניתנה תורה אלא לאוכלי המן", וואס דאס הייסט אז דאס וואס עס האט אנגעהויבן גיין מן (וואס וועגן דערויף רעדט זיך אין פ' בשלח), האט דאס געמאכט אידן פאר מקבלי התורה, זיי זיינען דעמאלט אוועקגעשטעלט געווארן אין א מעמד ומצב אז מען זאל זיי געבן תורה, וואס דעמאלט ווערט דאך א שירה ושמחה הכי גדולה.

דער עיקר ענין השמחה למטה דארף דאך זיין פארבונדן מיט די שמחה למעלה, ווי מען זעט דאך אז די שמחה היותר גדולה למטה איז דאך דער ענין פון שמחת חתן וכלה, ולמעלה איז דאס געווען "ביום חתונתו - זו מתן תורה".

דערפאר איז דאך פון שבת שירה (וואס כאמור איז שירה ענינו שמחה), גייט מען אריבער אין א שמחה הכי גדולה - די שמחה פון יום

חתונתו

וחתונתו זו מתן תורה (וואס כאטש אז כפשוטו רעדט זיך דאס וועגן יום הכיפורים, אבער אין מדרש דרש'נט ער דאס אויך אויף דעם ענין פון מתן תורה <u>בפעם הראשון</u>), וואס וועגן דערויף רעדט זיך אין פרשת יתרו, וואס מוצאי שבת איז די התחלת סדרה זו.

וואס דאס איז דער ענין פון מוצאי שבת: דאס איז די התחלה פון די ששת ימים הבאים, און דאס איז דאך דער סיום וחותם פון שבת ההולך, און מוצאי שבת איז מחבר דיביידע ענינים. ובמוצאי שבת זו איז דאס מחבר שבת שירה מיט דעם ענין פון שמחת התורה פון זמן חתונתו, וואס אידן מיט הקב"ה זיינען דאך בדוגמא פון החתן וכלה, כמבואר במדרשים, ובארוכה במסכת שבת אין די סוגיא פון מתן תורה.

עס איז דאך יעדער ענין בהשגחה פרטית, ניט ח"ו במקרה, דערפאר איז כאטש די אלע ענינים זיינען קובע בל אחד ואחד ברכה לעצמו, ווארום יעדערער פון זיי האט זיך זיין אייגענעם תוכן, וויבאלד אבער אז עס איז דא די מעגלעכקייט אז זיי זאלן זיך צוזאמענטרעפן ביחד, ובפרט אז דאס האט זיך צוזאמענגעטראפן ביחד,

ווארום אויף ניט מאכן א התועדות פריישיק ביינאכט, האט אן ארט אויך אין הלכה, מצד אין מערבין שמחה בשמחה, ובדוגמא בשעת פורים פאלט אויס אום שבת (בזמן שהי' אפשר), איז מען דאך דוחה די סעודה של פורים אויף לאחרי זה, זאגט ער דאך דעם טעם אויף דעם אין ירושלמי ווייל אין מערבין שמחה בשמחה - שמחת פורים בשמחת שבת,

עד"ז דאס וואס די התועדות איז ניט פארגעקומען במוצאי עשירי בשבט, בשבת, נאר איצטער במוצאי שבת, איז דאס אויך מצד דעם ענין וואס אין מערבין שמחה בשמחה,

וכנ"ל, דאס אליין וואס דאס קען טרעפן צוזאמען, איז דאס אליין באווייזט דאך שוין אז די ענינים האבן א שייכות צווישן זיך, ועאכו"כ ווען דאס טרעפט זיך צוזאמען בפועל, דעמאלט איז אין אזא קביעות נאך מער מודגש ומובן ומקום לבאר די שייכות שבין כל ענינים אלו.

הקישור שבין כל ענינים אלו וועט זיין לייכטער צו פארשטיין לאחר וואס מען וועט פארשטיין יעדער ענין באזונדער. אזוי ווי דער עיקר הסיבה איז דאס דער ענין ההתועדות וואס איז פארבונדן מיטן יום ההילולא, איז לראש ולראשונה נוגע צו האבן דעם ביאור הענין, וואס איז דער ענין פון א הילולא.

דער ענין פון הילולא איז דאך ווי דער אלטער רבי שרייבט אין אגה"ק בקשר מיט הסתלקות פון צדיקי עליון, אז דער יום ההסתלקות, ובשעת ההסתלקות, איז דעמאלט עולה למעלה כל עמל האדם אשר עמלה נפשו, און דערנאך ווערט דאס נתגלה למטה. און דאס איז ניט סתם א גילוי, און האט ניט סתם א שייכות מיטן מטה, נאר ווי ער איז מסיים אין אגה"ק, אז דאס איז פועל ישועות בקרב הארץ, דערפאר וואס דאס איז ממשיך ומגלה דעם חסד שלמעלה אז ער זאל אראפקומען דא למטה.

דערפון איז דאך פארשטאנדיק, אז ע"ד ווי עס איז בנוגע די ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט מועדים מיוחדים עפ"י תורה, אז בשעת עס קומט מדי שנה בשנה דער זמן המועד, דערמאנט מען זיך נאכאמאל ווי דאס איז געווען דעם ערשטן מאל, און דאס ווערט דערמאנט ע"מ אז דערנאך זאל דאס אראפקומען אין א בפועל.

ולדוגמא

ולדוגמא בחמשה עשר בניסן, וואס דאן איז געווען יציאת מצרים, איז מדי שנה בשנה ווערט נאכאמאל דערמאנט דער ענין פון יצי"מ ווי דאס איז געווען דעם ערשטן מאל, און דערמאנט ביז אין א ענין של ברכה (וואס דערפאר איז דאך ידוע די שקו"ט וואו איז דער ברכת הנסים פון ליל פסח).

ועד"ז בנוגע דעם מועד פון חג השבועות און חג הסוכות, ועד"ז אויך בהנוגע ליום הכיפורים און אויך ראש השנה, און ווי מען זאגט "זכר ליום ראשון", אז נוסף אויף דעם ענין וואס דאס איז ר"ה פון דעם יאר, איז דאס אויך זכר ליום ראשון, דאס איז ווי ער איז געווען דעם ערשטן טאג פון בריאת העולם.

דערפון איז דאך פארשטאנדיק, אז מדי שנה בשנה איז בדוגמא ווי בפעם הראשונה, וואס כל עמלו אשר עמלה נפשו בחייו, איז דאס נתגלה געווארן למטה ובאופן של חסד, און איז פועל ישועות בקרב הארץ.

אזוי איז דאס אויך מדי שנה בשנה בשעת עס קומט די צייט -בשנה- שנסתלק. עס דארף נאר זיין די עשי' מעין ההמשכה והפעולה, וע"ד ווי ביי ימים טובים, וואס ווי גערעדט דארף דאך זיין עשיית האדם אין די ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט פסח און שבועות און סוכות ור"ה ויוהכ"פ, ועד"ז אויך אין די ענינים וואס זיי זיינען מדרבנן, ווי חנוכה ופורים וכיו"ב, ביז די ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט מנהגי ישראל,

ווארום מנהג ישראל איז דאך אויך תורה הוא, ובפרט נאך א מנהג שנתפשט בכל תפוצות ישראל, איז דאך ווי דער רמב"ם פסק'נט אין הלכות סנהדרין און הלכות ממרים בתחלתו, אז די מנהגים ווערן דערנאך א ענין מן התורה (ומצד דעם ענין פון לא תסור ווערט דאס א לא תעשה, און מצד דעם ענין פון תשמעון - א ענין פון מצות עשה).

מהאמור לעיל איז פארשטאנדיק, אז בשעת מען מאכט אן עשי', וואס די עשי' דארף דאך זיין מעין ההמשכה והפעולה וואס מען וויל ממשיך זיין, וע"ד ווי בהנוגע צו פסח, בכדי צו ממשיך זיין דעם ענין הנס ווי דאס איז געווען בפעם הראשונה, איז דאס פארבונדן מיט אכילת פסח מצה ומרור, און מיט דעם ביאור הענין, אז פסח שאנו אוכלין כו' ועד"ז מצה ומרור שאנו אוכלין, אז דאס איז פארבונדן מיטן גלות און גאולה, עד"ז אויך בשעת אז מען דארף האבן דעם פועל ישועות בקרב הארץ, וואס דאס נעמט זיך פון כל עמלו אשר עמלה נפשו בחייו, דארף זיין די פעולה מעין עמלו אשר עמלה נפשו בחייו.

ואעפ"י וואס מי הוא זה ואיזה הוא וואס קען זיך גלייכן צו א_אידן וואס נוסף אויף דעם וואס ער האט באקומען פון אבותיו ואבות אבותיו האט ער דאך אויך געהאט - ווי דער לשון גופא איז - עמל אשר עמלה נפשו בחייו, לויט זיינע כחות ביז צו מסירת נפש בפועל, כידוע בדברי חייו, אבער באמת, דוקא מצד דעם וואס ער האט זיך מוסר נפש געווען, איז - ווי ער שרייבט באגרת שלו הידועה - רועה ישראל לא יעזוב צאן מרעיתו, און אזוי ווי בחייו בעלמא דין איז ער געווען דער רועה און ממשיך ההמשכות וההשפעות לצאן מרעיתו, איז אף כאן עומד ומשמש, אז ווי ער שטייט במרום איז ער דארטן אויך משמש למעלה ומשמש למטה אויף ממשיך זיין ישועות בקרב הארץ.

און עס דארף זיין די עשי' למטה באופן דומה לזה, און ווי ער זאגט אין דעם אגרת הקודש פון דעם אלטן רבי'ן (הנ"ל), אז עס זאל זיין

דער

דער נלכה בדרכיו אשר הוראנו, און דערנאך נלכה באורחותיו נצח סלה ועד, וואס ווי די גמרא דרש'נט דאך אז "כל מקום שנאמר נצח סלה ועד אין לו הפסק עולמית",

בשעת מען טוט אט די פעולה ביום ההילולא ובימים שלאחרי זה, דארף דאס זיין געטאן געווארן מיט אזא מין תוקף און מיט א החלטה איתנה, אז דאס איז אין אן אופן אז אין לו הפסק עולמית, וואס פארא שינויים עס וועט ניט זיין, מצד העולם שחוצה לו, און ווייסנדיק בשעת ההתועדות אז מארגן גייט ער אוועק לעסקיו תחת גפנו ותחת תאנתו, טוט ער אבער בשעת מעשה די פעולה אין אן אופן שאין לו הפסק עולמית.

דעמאלט איז "מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה" און ווי ס'איז ידוע אין דערויף דער אפטייטש, אז דורך דערויף וואס מען האט א מחשבה טובה כדבעי, גיט אים דער אויבערשטער כח אז דערנאך זאל דאס ארויסקומען אין מעשה, און דער אויבערשטער איז מצרף די מחשבה מיט די מעשה – ווערט דאס אן עשי' בשלימות, א מצוה מיט אבותה, א מעשה מיט א מחשבה ביחד.

בשעת מען נעמט אן די החלטה בשעת ההתועדות, וואס דעמאלט איז דאך "אכל בי עשרה שכינתא שריא", ועאכו"כ בשעת עס איז דא כמה פעמים עשרה, ובפרט נאך אז עס איז מתוך שמחה, וואס שמחה איז דאך מרחיב את הדעת ומרחיב לבו של אדם, דעמאלט קען דאס פורץ זיין די גדרים וואס איז גודר דער א-ל זר שבקרבך, און דעמאלט איז לייכטער צוקומען צו א מעשה בפועל, בשעת מעשה ולמחר ולאחרי זמן, בשעת די הנהגה איז באופן כזה, ווערן די כלים שלמים און מלאים אויף "פועל ישועות בקרב הארץ", אז עס זאל ארויסקומען א כח וסיוע אין אן אופן הכי שלם ומלא,בהנוגע ללימוד התורה נגלה וחסידות, אין אן אופן וואס לימוד מביא לידי מעשה, בקיום המצות בהידור און מתוך שמחה וטוב לבב.

ב. באמת, איז דאך דער עמל וואס דער אדם איז עמל פאראן ביי יעדער מענטשן, ביז וואנען אז דאס איז ניט נאר ביי יעדער אידן, נאר ביי אלע מענטשן בכלל, וואס דאס איז דאך ווי די גמרא (סנהד' צט,ב), שטעלנדיק זיך אויפן לשון הכתוב "אדם לעמל יולד" (איוב ה'),זאגט אויף דעם די גמרא אז "<u>כל</u> אדם לעמל נברא", בהוספה -ווי אין רוב הגירסות- דעםווארט <u>כל</u>, וואס דאס באווייזט דאך אז דאס איז שייכות צו אלעמען.

אפילו לויט די גרסא וואס איז ניט גורס דעם ווארט "כל", איז אעפ"י אז עס איז דאך דא דער כלל אז <u>אתם</u> קרויים אדם, אז דאס גייט מער ניט ווי אויף אידן, און דא ברענגט דאך די גמרא א ראי' פון לשון הפסוק "<u>אדם</u> לעמל יולד", וואס פון דעם קומט לכאורה אויס אז אדם לעמל נברא באציט זיך נאר אויף אידן,

איז דאך אבער דא די גמרא אין יבמות, וואס דארט שטייט אז בשעת אין דעם זעלבן ענין ובפרט אויב אין דעם זעלבן פסוק ווערט גע-ברענגט א ענין פון בהמה, דאס הייסט אז מען טיילט אויס ניט צווישן מענטשן גופא, נאר דאס רעדט זיך בניגוד -א חילוק- צווישן אדם און בהמה, איז דעמאלט דער ווארט אדם כולל אלץ וואס איז ניט בגדר בהמה, אפילו ניט-אידן אויך, און ווי תוס' איז דארט מוסיף אז בשעת מען טיילט אפ צווישן דעם אויבערשטן און מענטשן, איז דאס כולל כל מין האדם, אויך ניט אידן.

אזוי ווי

אזוי ווי אין דעם זעלבן פסוק -בי אדם לעמל יולד- ווערט גלייך געבראכט ענינים וואס זיינען העכער ווי אדם, ווארום ער איז דאך גלייך מסיים "ובני רשף יגביהו עוף", וואס דאס גייט דאך אויף מלאכים, איז וויבאלד אז דא רעדט זיך בניגוד למלאכים, איז דאך דער ווארט אדם -דער תואר אדם- כולל היי אידן און חיי ניט אידן.

דערמיט ווערט פארענטפערט דאס וואס עס ווערט דערציילט אין מדרש אויף אברהם'ן, אז "ויאהל אברהם וישב", דערציילט ער אין מדרש אז אברהם איז ארומגעגאנגען אין פארשידענע ארצות. בשעת ער איז גע-קומען אין ארץ כנען און האט געזען אז מען איז זיך עוסק בחרישה וזריעה און מען גייט ניט לבטלה, האט ער דעמאלט געזאגט אז דא באזעצט ער זיך.

אין פלוג, פארוואס איז דא די חרישה אויך ביי כנען, ביי אומות העולם, אז עס זאל ניט זיין דער ענין פון בטלה, נאר חרישה און זריעה, וואס דאס איז דאך די התחלה פון די ל"ט מלאכות, איז דאס דער-פאר וואס כל אדם לעמל יולד.

וכאמור כמה פעמים, אז יעדער ענין אין אגדה קומט ארפא אויך אין הלכה, באיזה אופן שהוא, ווארום עס איז תורה אחת, איז דאס איז דער טעם כפשוטו, אויף דעם וואס מען זאגט און ווערט אפגע'פסק'נט אז עכו"ם ששבת חייב מיתה.

ולכאורה פארוואס איז דאס, אמת טאקע מען לערנט עס אפ פון פסוק "לא ישבותו", אבער וואס איז דער טעם הדבר, מען איז דאך ניט מחוייב זאגן אז דאס איז גזירת הכתוב, לאין כל הגבלה, נאר פונקט ווי מען געפינט טעמים אויף די אנדערע ציווים ואזהרות של בני נח, ווי לימוד התורה א.ד.ג., עד"ז איז אויך דא א הסברה אויף עכו"ם ששבת. ולכאורה וואס איז די הסברה בזה?

איז די הסברה אין דעריף: וויבאלד אז אדם לעמל נברא, און ביי אים - דער עכו"ם וואס איז שובת - פעלט דער ענין פון דעם עמל, וואס צוליב דעם איז ער באשאפן געווארן, איז וויבאלד אז ביי אים פעלט די סיבה, העמל (וואס צוליב דעם נברא), דארף בטל ווערן דער מסובב (חיות הנברא) וואס קומט ארויס פון זיין תכלית הבריאה, וואס דאס איז דער ענין העמל וואס לעמל נברא, בשעת עס ווערט בטל די סיבה -עמל- ווערט במילא בטל דער מסובב, נברא.

דערמיט איז אויך פארשטאנדיק דאס וואס די גמרא פרעגט גלייך על אתר אין סנהדרין: נאך דעם וואס די גמרא זאגט כל אדם לעמל נברא שנאמר אדם לעמל יולד, איז די גמרא ווייטער ממשיך, אז מען ווייס ניט צי דאס מיינט מען עמל מלאכה צי עמל שיחה אדער עמל תורה. ווי קוין בערעדט אמאל בארוכה, שטעלט זיך גלייך די קשיא - מאי קס"ד, וואס פארא הו"א איז דא צו זאגן אז אידן זיינען באשאפן געווארן כדי זיי זאלן זיך פארנעמען מיט מלאכת העולם, עמל מלאכה.

עפ"י האמור איז דאס מובן בפשטות, ווארום כל אדם לעמל יולד, איז דאס כולל אלעמען, סיי אידן און סיי ניט-אידן. און דא ווערט די שאלה פון גמרא, אין וואס באשטייט דער עמל וואס צוליב דעם איז נברא כל אדם, צי דאס איז בשביל מלאכה, לצורך ישוב העולם, וואס דאס איז דאך בכללות דער טעם אויף די שבע מצות בני נח, אז עס זאל זיין דער ישוב העולם בסדר מסודר, וואס אויף דעריף דארף מען דאך האבן דעם

ענין

ענין המלאכה, ווי געערדט פריער פון מדרש, דאס וואס אברהם אבינו האט געזאגט אז וויבאלד אז דאס איז א מדינה וואס מען הארעוועט ניט, איז דארט קען ער זיך ניט באזעצן, ווארום דאס איז היפך פון ישוב העולם.

אדער אדם לעמל יולד מיינט דאס די ענינים וואס זיינען פאר-בונדן מיט דיבור, עמל שיחה, אדער דאס מיינט די ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט עמל תורה, און דאס -עמל תורה- איז דאך אויך שייכות אפילו ביי בני נח, ווי די גמרא זאגט אז חלק התורה וואס רעדט זיך בנוגע שבע מצות דידהו, איז ניט נאר זיי מעגן דאס לערנען, נאר עס קען דאך ניט זיין אז זיי זאלן וויסן ווי אזוי אפצוהיטן זיי אויב זיי וועלן דאס ניט לערנען, וגדול לימוד שמביא לידי מעשה, ובמילא מוזן זיי דאס לערנען.

דאס איז דאך אבער ניט מספיק, ווארום מען קען דאך ניט זאגן אז דער ספק פון גמרא איז מער ניט בהנוגע לבני נח, עס איז דאך תקנתא לעכו"ם לא עבדינן, כמובא בפוסקים. מוז מען דאך זאגן אז עיקר השאלה איז בהנוגע לבני ישראל, און אין דערויף זיינען אויך נכלל בני נח.

וואס לכאורה איננו מובן, ווי אזוי קען גאר זיין א קס"ד בהנוגע צו אידן אז דער גאנצער ענין הבריאה שלהם -שלעמל נבראו- זאל דאס גאר זיין עמל מלאכה?

דער ביאור אין דעם איז: ע"ד ווי עס איז דא דער חילוק אין דרגא פון בני נח און אידן, אט אזוי איז ביי אידן גופא פאראן חילוקים בחלק החיים שלהם, ביז אז עס איז דא ביי אידן ענינים וואס אין דעם גלייכן זיי זיך אויס בחיצוניות מיט בני נח, און מען דארף האבן א אזהרה מיוחדת אויף דעם אז עס זאל זיין בכל דרכיך דעהו, ולולי די אזהרה מיוחדת, וואלט מען געקענט מיינען אז ביי זיי דארף ניט זיין דער "ונפלינו".

דערנאך איז דא ביי אידן די פעולות און ענינים וואס דאס האט צו בני נח גאר קיין שייכות ניט, ועאכו"כ צו די וואס זיינען נאך נידעריקער פון בני נח דערפאר וואס אין שומרים את שבע המצות.

אט די ענינים בחלק החיים פון א אידן וואס ער גלייכט זיך אויס בחיצוניות מיט ניט קיין אידן, דאס איז דער ענין המלאכה. וואס דאס איז דאך אויך וואס די גמרא זאגט אין שבת, אז די ערשטע שאלה וואס מען פרעגט למעלה איז "נשאת ונתת באמונה", און עס איז דאך אין ענין יוצא מידי פשוטו, אז דאס מיינט מען די ענינים מסחר אין וועלכע ער האט זיך עוסק געווען בעולם, וואס דאס איז דאך דער משא ומתן, ועד"ז משא ומתן אין עניני עבודה, וואס דאס איז דער מו"מ בין פועל ובעה"ב שלו, ובדוגמת זה בין אדם לחבירו וכיוצא בזה.

און אין דערויף -עניני עסק- דארף זיין דער נשאת ונתת באמונה, וואס דאס גייט דאך אויך אריין אין ציווי התורה, און עס איז שייכות אין דערויף זאגן אז אוליב דעם זאל זיין דער גאנצער בריאת האדם,

פונקט ווי עס איז געווען בנוגע כללות הבריאה (ווי מבואר בכ"מ, ווי אויך במאמר הידוע פון בעל ההילולא), אז דער גאנצער ענין הבריאה בפעם הראשונה איז דאס געווען אָן א התעוררות מלמטה, ועד"ז בנוגע פרטי הנבראים ביז כל אדם (וואס הן אמת דאס איז א פרט עיקרי, ביז אז בשבילו נברא העולם, דאס איז דאך פארט נאר א פרט), איז דאס ההתחלה געווען אָן א התעוררות פון מטה.

וע"ד

הנחת הת' בלתי מוגה

וע"ד בהנוגע לגשמים וואס עס שטייט אין אדם בארץ, און ווי רש"י ברענגט אראפ, אפילו לאחר ששת ימי בראשית, אז עס איז ניטא ווער עס זאל בעטן און מעורר זיין און ממשיך זיין דעם ענין הגשמים, ועל אחת כו"כ אז קודם ששת ימי בראשית איז געווען (ווי אין לשון החסידות) כי חפץ חסד הוא, כי אמרתי עולם חסד יבנה. פון וואס איז באשאפן געווארן דער עולם (וואס ער איז באשאפן געווארן בעשרה מאמרות), איז דאס געווען מצד דעם חסד של הקב"ה.

אבער דאס איז געווען אזוי נאר בהתחלה, דערנאך האט דער אויבערשטער בעוואלט אז עס זאל זיין עבודת התחתון. און ווי די גמרא זאגט אין שבת אז אויב ח"ו אידן וואלט ניט מקבל געווען די תורה, וואלט דאן געווען חוקות ארץ ושמים לא שמתי, דורך דערויף וואס אידן האבן אויף זיך גענומען תורה ומצות איז געווען דער קיום העולם.

דאס באדייט, אז אה"נ התחלת הבריאה איז געווען מצד חפץ חסד, דערנאך אבער הענגט אפ כל הבריאה כולה בעבודתן של ישראל.

וכאמור לעיל, דארף דאך זיין די עבודה מעין הפעולה וואס קומט ארויס פון די עבודה, איז כדי עס זאל זיין מלאכתו של הקב"ה, וואס דאס איז געווען בששת ימי בראשית (ווי ער זאגט גלייך בהתחלת התורה אז "ויכל גו"' מלאכתו אשר עשה"), עבודת שימ"ב ווערט אנגערופן בשם מלאכתו של הקב"ה, דארף אויך זיין דער עמל מלאכה דא למטה ע"י בני ישראל און מענטשן בכלל.

אז דער עמל מלאכה גיט אריין א קיום און א חיות אין די מלאכה פון ששת ימי בראשית (וואס דאס איז מלאכתו של הקב"ה), וואס ער האט געוואלט אז דערנאך, לאחר שימ"ב, זאל זיין קיום העולם ניט מצד חפץ חסד אליין, נאר ע"י עבודת האדם.

דאס איז אויך, בכללות, די הוראה ווי עס קומט אראפ לכל אחד ואחד בעבודתו: עס איז ניטא קיין ענין פון באקומען בדרך ממילא,א מתנה, נאר עס דארף זיין ע"י עמל און ע"י עבודה דוקא.

דערמיט איז אויך פארשטאנדיק דאס וואס מען ברענגט אראפ פון מכילתא, אז ששת ימים תעשה מלאכה – זו עשה, עס איז דא א ציווי אז מען זאל זיך פארנעמען מיט מלאכה, ווארום אין דערויף הענגט אפ דער קיום פון מלאכתו של הקב"ה,כביכול, דששת ימי בראשית וכל הבריאה כולה.

דערפאר קען זיין דער קס"ד אז דער גאנצער בריאה פון עיקר האדם, וואס דאס זיינען אידן, זאל זיין בשביל עמל מלאכתו, ובדוגמא ווי אין לשון הקבלה והחסידות "הנשמה לא ירדה למטה לתקן עצמה" (זי איז ניט אראפגעקומען צוליב ענייני נשמה), נאר זי איז אראפגעקומען "כדי לתקן את הגוף ונפש הבהמית" און חלקו בעולם (מתקן זיין זיין נה"ב און די וועלט ארום איט).

און דערפאר קען זיין א קס"ד אז אדם לעמל מלאכה נברא,ווארום אויב צוליב תורה, עמל תורה, האט זי געקענט לערנען –און טאקע געלערנט– תורה קודם שירדה למטה, היינט וואס איז דער חידוש פון ירידת הנשמה למטה בגוף אויב דאס איז נאר צוליב עמל תורה. לכאורה איז ניט דער חידוש אין עמל תורה, דער חידוש איז דוקא אין עמל מלאכה.

וואס דערפאר איז א גאר שטארקער קס"ד אז דער "אדם לעמל נברא" זאל זיין צוליב עמל מלאכה, און ווי גערעדט אפילו בנוגע צו אידן

אידן. וואס בדרך ממילא קומט דאס אויך דערנאך ארויס אין בני נח, ביי זיי איז אויך דא דער עמל מלאכה דוקא. וואו באזעצט מען זיך (כהמדרש בנוגע אברהם אבינו) און וואו איז דא דער ישוב העולם – במקום שחור־שים וזורעים דוקא און וואו עס איז דא דער עמל.

דערפון איז פארשטאנדיק און עס קומט ארויס די הוראה בפועל: בשעת עס איז דא אזוינע וואס טענה'ן, אז די ענינים וואס בין אדם למקום דארף ער מהדר זיין, ובהידור הכי גדול, ווארום דאס האט ער צוטאן מיט מלך מלכי המלכים הקב"ה, און ווי דער דין אין שו"ע (במילא האט ער דאך א סייעתא פון שו"ע אויך), און נאך גלייך בהתחלת השו"ע, אז איני דומה האדם ווי ער שטייט פאר זיך אדער לבני ביתו, לגבי ווי ער געפינט זיך עם המלך,

וואס דאס איז דער ציווי פון שויתי ה' לנגדי תמיד, פסק'נט מען דאך אז עס איז פאראן א חילוק ווען ער האט צוטאן מיט ענינים שבין אדם למלך, ועאכו"כ מלכו של עולם, אדער ער האט צוטאן בין אדם לחבירו,

במילא דארטן –בין אדם למקום, וועט ער מהדר זיין בתכלית ההידור, אבער בין אדם לחבירו – איז מהיכי תיתי, אמאל יא און אמאל איז ער זיך מורה היתר במנהגים וואס זיינען מנהג סוחרים, (וואס באמת אויך מנהג תגרים וויבאלד אז אזוי פירן זיך אידן, ווערט דאך דער מנהג א דין עפ"י תורה), ביז ער קומט דערנאך עובר זיין אויף ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט עניני מסחר ובין אדם לחבירו, ענינים און מנהגים וואס בכלל איז דאס פארבונדן מדרבנן, ביז ער קען עובר זיין אויף ענינים וואס זיינען א איסור עשה מתחילתם.

אי דאס וואס די גמרא זאגט אין יומא, אז בין אדם למקום איז יוהכ"פ מכפר ובין אדם לחבירו איז אפילו יוהכ"פ ניט מכפר – האט ער דאך אויף דערויף די עצה: ער וועט היינט טאן די עוולה, און דערנאך וועט זיין וירצה את חבירו. אט דאס וואס עס איז ווייטער דא דערויף די הגבלה פון האומר אחטא ואשוב, איז דעמאלט ניט מועיל די תשובה – האט ער שוין אויף דערויף אויך די הסברה כדי זיך ארויסצודרייען פון דעם, ווארום ווער ווייס אז ער האט געטאן אין אן אופן פון אחטא ואשוב, דאס ווייס דאך מער ניט ווי דער אויבערשטער, דער אויבערסטער ווייס אז בשעת מעשה האט ער געטראכט שירצה את חבירו, אבער חבירו ווייס דאך ניט וועגן דעם, במילא וועט ער דאך דערנאך מרצה זיין את חבירו, און דער חבר וועט אים זיכער מוחל זיין, ואדרבה, עס איז דאך דא דער דין אין שו"ע אז מען דארף אים מוחל זיין (היידן אז עס איז געווען ג' פעמים).

אויף דערויף זאגט מען, אז עס איז א קס"ד אין תורה, און דאס איז דער ערשטער אפלייג אז אדם לעמל מלאכה נברא, און ווי געזעדט פריער אז התחלת דינו של אדם הויבט זיך אן פון נשאת ונתת באמונה, און אויב דאס איז אזוי בהנוגע צו בין אדם לחבירו אין עניני מסחר, איז דאך פארשטאנדיק אז דאס איז אזוי אויך בענינים שבין אדם לחבירו וואס מען דארף אים מקרב זיין לאבינו שבשמים, וואס דורך דעם טוט מען דאך אים א טובה סיי בגופו און סיי בנשמתו,

און ווי די גמרא זאגט, אז רבו מביאו לחיי עולם הזה און לחיי עולם הבא. בשעת ער האט א מעגלעכקייט צו טאן א טובה א אידן אז דורך

דעם

הנחת הת' בלתי מוגה

דעם זאל יענער ווערן נעגעטער צו לימוד התורה וקיום המצות, איז דעמאלט איז דאס התחלת דינו של אדם אויב עס איז געווען נשאת ונתת באמונה מיט א צווייטן אידן, סיי אין די עניני מסחר כפשוטו, סיי אין די ענינים וואס דו האסט געדארפט האבן מיט אים א משא ומתן אז דורך דיר זאל ער לייגן תפילין און אנהויבן מהדר זיין אין קיום המצות בכלל, ביז וואס הוקשה כל התורה כולה לתפילין, ועד"ז גיין מחיל אל חיל.

דערמיט ווערט פארשטאנדיק דער גודל ההשתדלות, ביז צו מסירת נפש און ביז צו סכנת מות כפשוטה, וואס דער בעל ההילולא האט איינגע-שטעלט נפשו ונפש תלמידיו בסכנה כדי עס זאל זיין די השפעה על הזולת, דער נשאת ונתת באמונה מיט נאך אידן, סיי בנוגע לטובתם הגשמית און סיי בנוגע לטובתם הרוחנית, דורך מייסד זיין חדרים וואס מען לערנט דארט מיט קינדער א-ב, און דערנאך למעלה מעלה ביז ישיבות און ישיבות גדולות, ווארום דאס איז דער ענין פון נשאת ונתת באמונה בין אדם לחבירו.

וכאמור לעיל, אז וויבאלד אז די החלטה ופעולה מתחיל מיום ההילולא, דארף זיין מעין עמלו אשר עמלה נפשו, איז די החלטה ופעולה בכיוון זה זיינען זיי ממשיך און מגדיל דעם פועל ישועות בקרב הארץ, אז עס זאלן זיין אט די אלע פעולות בהצלחה רבה ומופלגה ומתוך שמחה וטוב לבב.

ג. נאך דערויף זאגט די גמרא (בנוגע אדם לעמל יולד), "כשהוא אומר אכף עליו פיהו הוי אומר לעמל פה נברא", אז דער ענין העמל וואס בשבילו נברא האדם, איז דאס פארבונדן מיט פיו, זאגט די גמרא אז עס איז א קס"ד אז דאס איז עמל שיחה, "ועדיין איני יודע אם לעמל שיחה אם לעמל תורה", בניגוד צו עמל תורה.

אט דא ווערט לכאורה די קשיא נאך א גרעסערע: בשלימא אז עמל מלאכה זאל אין זיך האבן א מעלה לגבי עמל תורה, איז דאס נאך פארשטאנ-דיק, ווארום, כנ"ל, דאס איז ירידת הנשמה למטה, תורה האט זי געהאט למעלה אויך. בשעת אבער עס האנדלט זיך וועגן עמל שיחה, וואס דאס איז אן ענין של דיבור, אבער ניט דיבור של תורה, וואו איז דא דער קס"ד אז צוליב דערויף זאל זיין דער אדם לעמל נברא?

די קשיא ווערט נאך גרעסער לויט דעם אריכות הביאור של הרמב"ם (בפירוש המשניות שלו על מס' אבות), אויף דעם מאמר "לא מצאתי לגוף טוב משתיקה", ווי ער איז דארטן מאריך בנוגע די כמה סוגי הדיבור - דיבורים כענינים וואס שייכן לגמרי ניט און זיינען אסורים, דיבורים מאוסים, ביז וואנען דיבורים בענינים מותרים - ביז וואנען ווי עס קומט אויס לויט דעם פירוש הרמב"ם, אז ענין הדיבור הרצוי והטוב איז א מיעוטא דמיעוטא.

פונדעסטוועגן זאגט די גמרא אז עס איז דא א קס"ד אז אפילו בשעת מען ווייס שוין און מען האט שוין שולל געווען עמל מלאכה, איז דאך דא אן ארט אויף צו זאגן אז אדם לעמל שיחה נברא. דארף מען פאר-שטיין וואס איז דאס די מעלה וואס עס האט אין זיך דיבור איבער מעשה, ביז אז אויך דערנאך וואס מען האט שוין שולל געווען עמל מלאכה, איז נאך פאראן א נתינת מקום אויף עמל שיחה?

די הסברה בזה איז: עמל מלאכה שטט דאס די בהמה שבאדם, ובדוגמא ווי אין כח העקי', איז דאך ענין המעשה פאראן אפילו ביי א קטן, און מער ניט



הנחה וות' בלתי מוגה

מער ניט ווי בהמשבה ודיבור שלו איז דא א קס"ד ביז א פסק דין אז ער האט ניט קיין מחשבה, און אפילו דיבור האט ער אויך ניט (וואס דערפאר העלפט ניט דיבורו של קטן), משא"כ אבער מעשה, איז מעשה יש לו, ווי-באלד אז אין מעשה זאגט זיך ניט ארויס, און דאס איז טאקע ניט ווי דער אדם איז בשלימות, והראי׳, אפילו א קטן קען אויך טאן די מלאכה (ווארום מעשה יש לו, כנ"ל), דערפאר איז מען דאס שולל און מען זאגט אז ניט צוליב דערויף איז אדם נברא.

שם אדם איז דאך מורה אויף שלימות, ווארום צווישן די תוארים וואס א מענטש ווערט אנגערופן, איז דאך ווי ער זאגט אין זוהר, און עס איז אויך פארשטאנדיק דערפון וואס די גמרא זאגט, אז אתם קרויים אדם, משא"כ בהנוגע צו שאר תוארים - צי דאס איז איש, גבר אדער אנוש - איז דאס דא ביי שאר בני אדם אויך, לאו דוקא אתם קרויים בשם זה, ווי אדם וואס דוקא אתם קרויים אדם,

איז דאך דערפון גופא א הוכחה (אויך פון נגלה דתורה), אז אדם איז א שם התואר והמעלה.

דערפאר בשעת דא זאגט מען אז אדם לעמל יולד, איז דערפון פארשטאנדיק וואט די גמרא ברענגט א ראי׳ פון דעם צווייטן פסוק "כי אכף עליו פיהו ולהונו עמל מלאכה" אז דאס מיינט עמל שיחה, און מען איז שולל עמל מלאכה, מעשה,

ווארום אפילו אז ער וועט טאן די מעשה ניט ווי עס טוט א קטן, וויבאלד אבער דער עצם הפעולה אליין קען דאך אפגעטאן ווערן אויך דורך א קטן - ווארום דער דין איז דאך אז מעשה יש לו - דערפאר איז דער קס"ד אז עס זאל זיין דער ענין פון עמל שיחה, וואס דאס איז דער ענין פון דיבור, כאשר מען איז שולל ענין המעשה.

עס בלייבט דאך אבער ניט פארשטאנדיק, וואס פאר א שייכות איז צו זאגן אז צוליב דעם - עמל שיחה (ובניגוד לעמל תורה) - איז נברא האדם.

וועט מען דאס פארשטיין בהקדם המבואר לעיל: די מעלה פון עמל מלאכה באשטייט אין דעם וואס דאס גיט א קיום אין מלאכתו של הקב"ה. דערפאר אפילו בשעת מען איז שולל עמל מלאכה בלייבט נאך די קס"ד אז אזוי ווי מלאכתו של הקב"ה איז דאך דאס געווען בדבר ה׳ שמים נעשו וברוח פיו כל צבאם, ובעשרה מאמרות נברא העולם, איז כדי אויפצוהאלטן די עשרה מאמרות, דיבורו של הקב"ה, איז אפילו אז מען איז שולל עמל מלאכה, קען מען מיינען אז דאס איז אבער פארבונדן מיט מאמריו, מיט דיבוריו, של האדם, וואס דאס איז דער ענין פון עמל שיחה.

נאר וואדען, ע"ד ווי גערעדט אז עמל מלאכה דארף זיין אין אן אופן פון נשמת ונחת באמונה, אזוי דארף אויך זיין עמל שיחה אין אן אופן פון אמונה, אז דאס ווערט געטאן ווי דער אויבערשטער האט געוואלט, און דאס טוט ער כדי לקיים חוקי שמים וארץ.

ובכללות איז דאס דיבורו של האדם בחכמה בתורה ובתפלה, ובכללות עפ"י חכמה. ע"ד ווי ער איז מבאר אין הלכות דעות מיט וואס א חכם איז ניכר, דערקענט ער אויס דארטן, במאכלו בשתייתו ובמשאו ובמתנו ובדיבורו וכו׳, איז אפילו בשעת מען איז שולל עמל מלאכה, אז ניט דער עיקר העמל באשטייט פון משא ומתן ואכילה ושתי׳, בלייבט נאך די קס"ד אז ענין העמל באשטייט פון דעם ענין השיחה בדיבורו.

דעמאלט

הנחת הת׳ בלתי מוגה

דעמאלט קומט טאקע ארויס עמל שיחה אין א קלענערער טייל פון דיבור, ווארום ווי דער רמב"ם איז מבאר איז דיבור הרצוי נאר א מיעוטא, אבער עס איז דאך דא די נחיצות אויף דעם סוג הדיבור אויך. דארף זיין אפ דער טייל דיבור באמונה, וע"ד ווי נשאת ונתת -מעשה- דארף דאס זיין באמונה, אזוי איז אויך בנוגע שיחה שלו, אז דאס דארף זיין באמונה.

נאך מער בפרטיות: דער ענין פון שיחת האדם איז דאך דאס דער ענין התפלה, וואס דערפאר לערנט מען דאך אפ און מען ברענגט א ראי' פון דעם וואס יצחק איז געגאנגען "לשוח בשדה - שהתקין תפלת מנחה" (לשוח איז דאך לכאורה דער טייטש שפאצירן, דאס האט אבער אויך דעם טייטש פון שיחה). לכאורה וואלט מען געקענט טייטשן שיחה - לימוד (און אפשר איז ער גאר געגאנגען לערנען), זאגט די גמרא,ניין - שיחה סתם איז פארבונדן מיט תפלה.

(דאס איז דאך אויך וואס די גמרא און מדרש פארגלייכן שיחתן של עבדי אבות צו תורתן של בנים, אויך דא שטעלט מען איינע -שיחה- אנטקעגן די צווייטע -תורה,- ועד"ז איז דא די פארגלייכונג פון שיחה און תורה אין דער סוגיא פון סנהדרין גופא. ווארום ווי די גמרא אליין זאגט, אז בשעת מען ווייס אז דאס איז "עמל פה", פירט ווייטער אויס די גמרא "ועדיין איני יודע אם לעמל תורה אם לעמל שיחה").

דערפון איז דאך פארשטאנדיק אז שיחה מיינט מען דאס דיבור, און אזא מין דיבור וואס איז טוב ומוכרח, במילא אז דאס איז ניט תורה (ווארום כנ"ל, שיחה סתם איז תפלה, ניט תורה), איז דאס דער ענין פון תפלה.

אין דעם איז אויך דא די זעלבע הסברה ווי פריער, פארוואס מען זאל זאגן אז תורה איז ניט דער עיקר וואס לעמל נברא, משא"כ תפלה איז דאס יא די מטרה וואס לעמל נברא.

דאס איז דערפאר (וכאמור לעיל): תורה האט די נשמה געלערנט אויך קודם שירדה למטה, און אפילו ווען זי איז שוין ארויסגענומען געווארן פון אוצר הנשמות ומתחת כסא הכבוד, איז ביז וואנען זי איז שוין פארבונדן מיט א גוף, איידער זי ווערט א נשמה פועלת, זי איז אין דעם מעמד פון תשעה ירחי לידה - איז דאך מלמדים אותה כל התורה כולה, ווי די גמרא זאגט אין נדה, איז דאך שוין דעמאלט אויך דא דער לימוד התורה, און אעפ"י וואס עס איז נאך ניט געווען "יולד" - דאס איז נאך קודם הלידה - פונדעסטוועגן איז שוין דא דער עמל תורה.

דערפאר לאזט מען דעם אדם לעמל יולד, אז דאס מיינה עמל תורה, אויפן לעצטן, בשעת אז עס איז ניטא קיין ברירה, און מען מוז זאגן אז לעמל יולד גייט דאס אויף עמל תורה. אבער לולי זאת לייגט זיך מערער צו זאגן אז עס איז עמל שיחה, ווארום עמל תורה האט ער קודם שנולד אויך. ואדרבה, דעמאלט לערנט ער כל התורה כולה, ווארום נר דלוק על ראשו, וואס דאס גיט אים א כח אויף ללמוד כל התורה כולה,און אן שוועריקייטן, און במשך פון ניין חדשים לערנט ער דאס אפ.

משא"כ כשיצא לאויר העולם, דארף מען ווארטן ביז ער וועט ווערן א יודע לדבר, און דאן וועט מען לערנען מיט אים תורה צוה לנו משה, און דערנאך בן חמש ובן עשר ובן חמש עשרה, מיט די אלע דרגות ווי ער רעכנט אויס אין משנה ביז ווי געבראכט אין הלכות ת"ת, קומט דאך דאס אן מיט געוואלדיקע שוועריקייטן, ביז וואנען ווי דער

אלטער רבי

אלחער רבי דארף ברענגען א הוכחה אין הלכות ת"ת אז מען מוז זאגן אז עס איז דא א מציאות פון למד כל התורה כולה, ווי די גמרא זאגט אין נזיר, ווארום לולי זאת - לולי ההוכחה - וואלט מען דאך געקענט מיינען אז עס קען גאר ניט זיין די מציאות אז א נשמה בגוף זאל לערנען כל התורה כולה.

משא"כ א נשמה קודם שנולד, קודם שיבא לאויר העולם, אין ירחי לידה, אין די ט' ירחי לידה קודם שנולד - איז דאך דעמאלט מלמדין אותו כל התורה, און מען איז נאך מוסיף דעם ווארט <u>כולה</u>. וואס דערפאר איז דער עס"ד אז עס זאל זיין דער עיקר עמל, וואס לעמל יולד, עמל שיחה,

ועל דרך ווי גערעדט פריער, אז דאס וואס עס איז דא א קס"ד בנוגע צו עמל מלאכה, איז דאס גופא א הוכחה אז דאס איז איינע פון די גרויסע זאכן (ביז וואנען אז דערפון הויבט מען אן די שאלה נשאת ונתת באמונה), איז דערפון אויך פארשטאנדיק דער גודל הענין פון עמל שיחה, וואס דאס איז דער ענין התפלה.

דערמיט איז דאך אויך פארשטאנדיק די הדגשה, וואס אעפ"י אז די גמרא זאגט אז זמן תורה לחוד וזמן תפלה לחוד, פונדעסטוועגן בנוגע דעם שיעור למטה איז תפלה פארנעמט מער זמן ווי תורה, וכמשי"ת.

עס זיינען דאך דא אזוינע וואס זאגן, אז צוליב תורה קען מען איבערהיפערן די פסוקי דזמרה, מיט די גאנצע אריכות הדיבור בזה, ווארום ער איילט זיך צו דעם זמן פון תורה - איז פון די גמרא גופא, וואס ער זאגט אז זמן תורה לחוד וזמן תפלה לחוד, פארשטאנדיק אז יעדערער פון זיי האט זיין זמן און מען דארף ניט צונעמען פון זמן פון איינעם צוליבן צווייטן. עס איז פארשטאנדיק אויך אין דעם צווייטן קצה, אז מען דארף ניט נעמען פון זמן תורה אויף זמן תפלה.

ואדרבה, תפלה האט א הגבלה, וואס אין זמן פארנעמט די הגבלה פון תפלה מערער ווי די הגבלה פון תורה. אויף תורה זאגט מען דאך אז עס איז אין לו שיעור, און ווי דער ירושלמי טייטשט אפ אז דאס וואס מען זאגט אין לו שיעור איז דאס דוקא ביי אזא מין ענין וואס אין לו שיעור אויך למטה, וואס דערפאר איז דאך א עם הארץ יוצא לימוד התורה מיט קריאת שמע. בפסוק אחד שחרית ופסוק אחד ערבית, אפילו אן אנדערער וואס קען יא לערנען, אויב נאר ער איז א בעל עסק, קען אויך אמאל זיין אז ער זאל יוצא זיין לימוד התורה מיט פרק אחד שחרית ופרק אחד ערבית.

משא"כ בהנוגע לתפלה, דאס איז יעדערער מחוייב, סיי אין תפלת שחרית און סיי אין תפלת מנחה, והאידנא דקבעוה חובה - מחוייב אויך אין תפלת ערבית. וואס פשוט אין כמות פון זמן איז עפ"י שו"ע זמן תפלה דער שיעור למטה א גרעסערער ווי דער זמן תורה בשיעור למטה,

יעדער ענין, ועאכו"כ א ענין אין תורה, איז ניט בדרך מקרה, און אויב עס איז אפגעשטעלט געווארן אז זמן תפלה פארנעמט (בשיעור למטה) א לענגערע צייט ווי לימוד התורה, איז זיכער דא אין דערויף א טעם.

דאס באווייזט, אז בשעת הנשמה ירדה למטה, וואס דעמאלט זיינען דא די חילוקים אין זמן, עס איז דא דער זמן תורה וזמן תפלה, איז אין כמות דארף אוועקגיין אויף זמן תפלה מערער.

דאס איז א הכרח לכל אחד ואחד, סיידן אזא וואס איז שוין אן אויסגעדאוונטער, כמבואר הענין במקום אחר. וואס דערפאר זאגט מען אז



הנחת הת' בלתי מוגה

ר׳ יהודא הוי מהדר תלמודי׳ מתלתין יומין לתלתין יומין, און ער פלעגט דאוונען אחת לתלתין יומין.

דאס איז געווען ר׳ יהודא, וואס ווי די גמרא זאגט איז ברכות איז געווען עבודתו מסירות נפש בפנימיות, און מען האט אויף אים גע-זאגט אז לית בי׳ בר נש, מיט די אלע הפלאות הבדבר, אבער לולי זאת איז דער שיעור למטה פון זמן תפלה א סך מערער ווי דער זמן תורה.

די הסברה בזה איז דאך אויך כאמור לעיל: דאס וואס די נשמה ירדה למטה, וואס דאס איז כדי זי זאל מאכן פון וועלט א דירה לו ית׳, דארף מען דאך די ערשטע זאך צוגרייטן אז אין דער וועלט זאל דער אויבערשטער וועלן זיין און עס זאל זיין א פאסיגער ארט אויף דעם ושכנתי בתוכם.

איז בדוגמא בשעת מען וויל צוגרייטן א דירה פאר א מלך, און אפילו פאר א אדם חשוב בעלמא, ואפילו פאר א אדם סתם, דארף דאך די ערשטע זאך זיין דער סור מרע, מאכן דעם חדר אז עס זאל זיין ריין און ערשט דערנאך דער עשה טוב, אז דער חדר זאל האבן שיינע כלים.

דורך וואס ווערט אויפגעטאן דער ענין פון סור מרע, איז דאס דורך דעם ענין פון תפלה. דעמאלט איז דאך דער זמן, ווי ער פסק׳נט אפ אין שו"ע, וואס מען דארף זיך מתבונן זיין אין שפלות האדם וגדלות הא-ל, די גדלות פון דעם אויבערשטן. דורך די התבוננות בשפלות האדם טרייבט ער ארויס די ענינים בלתי טובים ובלתי רצויים פון די דירה וואס ער גרייט צו פאר דעם אויבערשטן, צי דאס וועט זיין א דירה צום אויבערשטן געמאכט פון זיין נפש הבהמית ונפש האלקית, צי דאס איז פון זיין גוף, אדער דאס איז מחלקו בעולם - דורך דעם וואס ער איז זיך מתבונן בגדלות הא-ל, וואס דאס ברענגט דערצו - ווי דער רמב"ם שרייבט אין הלכות יסודי התורה - אז דאס איז "מביא לאהבתו ויראתו", וואס דאס -אהוי"ר- איז א שרש פון מצות עשה און מצות לא תעשה, און ווי ער זאגט דארט אין פירוש להרמב"ם, ובארוכה איז דאס מבואר אין תניא בתחילתו, ווי אהוי"ר איז א מקור אויף מ"ע און מל"ת,

בשעת ער שטעלט אריין די כלים טובים כדי אז עס זאל זיין א דירה נאה מיט כלים טובים, ברענגט דאס דערנאך אהינצו אראפ דעם אורח חשוב, מלכו של עולם, וואדום אורייתא וקוב"ה כולא חד, און ווי ער זאגט דעם משל אין מדרש פון א מלך וואס האט געהאט א בת יחידה, און דער מלך האט געזאגט אז וואו עס וועט זיך געפינען זיין בת יחידה וועט ער זיך געפינען, וואס דער נמשל איז דאך, אז דער אויבערשטער האט א בת יחידה - תורה - איז דארט וואו עס וועט זיין די בת יחידה דארטן געפינט ער זיך.

כדי דער מלך זאל אראפקומען למטה, פאדערט זיך אבער - און דאס איז א דבר הכרחי - אז פאר דערויף, איידער דער מלך איז אראפגע-קומען, זאל זיין דער ענין וואס טוט זיך אויף דוקא דורך דעם וואס די נשמה איז ירדה בגוף. וואס דעמאלט, בשעת די נשמה געפינט זיך אין גוף, איז דא די מציאות וואס "למהריב ירדתם ויצה"ר יש ביניכם", דארף מען מבער זיין דעם יצה"ר, עס זאל זיין ואהבת בכל לבבך בשני יצריך, וואס דאס טוט זיך אויף דורך עבודת התפלה, וואס עיקרה איז דאך קריאת שמע ושמו"ע, וואס דאס איז די ענינים פון בכל לבבך, און דערנאך איז ער דאס ממשיך אין כל עניני העולם.

דערפאר

<u>הנחה הת׳ בלתי מוגה</u>

דערפאר איז דאך אויך ענין התפלה דער סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה, וואס הויבט זיך אן מיט ענינים ארציים, ער איז זיך מתבונן בשפלות האדם, און ראשו מגיע השמימה, ער איז זיך מתבונן אין גדלות הא-ל.

סדר התפלה עצמה איז אויך באופן כזה: ער הויבט אן פון מודה אני, און נאך מער פון הודו לה' קראו בשמו הודיעו בעמים עלילותיו, דארט איז דא א מציאות פון עמים, און ווייסן ווייס ער נאר אז מען דארף מודיע זיין עלילותיו, און איז מסיים אין דעם ראשו מגיע השמימה, תפלת שמו"ע, וואס ווי די גמרא זאגט אין שבת, אז דעמאלט שטייט ער כעבדא קמי' מרי' – אט דא געפינט זיך מרי' – ביז וואנען ער איז בטל ואינו מרמז ואינו קורץ בעינו, מיט די גאנצע אריכות בזה, ווי אפגע'פסק'נט אין שו"ע.

דערפאר איז דא די קס"ד, און עס קומט ארויס אין א הוראה בפועל, בגודל מעלת ענין התפלה, ביז וואנען אז עס איז דא א סברא אז דער כל אדם לעמל נברא איז דאס אוליב עמל שיחה, ביז וואנען עס קומט ארויס אין א הלכה אז דער ענין פון עבודת התפלה איז א דבר הכרחי,

ובפרט בדורותינו אלה, ווי דער אלטער רבי שרייבט אין אגה"ק אז בימים ההם, בזמן התנאים והאמוראים, איז געווען עיקר עבודתם בתורה, און איצטער איז די עיקר עבודה בתפלה.

עס איז דאך ידוע די קשיא וואס מען פרעגט אויף דעם, ווי קען מען זאגן א חילוק פון דורות הראשונים ביז דורותינו אלה, עס איז דאך התורה הזו לא תהא מוחלפת, היינט ווי קען מען מאכן א חילוק פון זמן ההוא ביז דורותינו אלו?

איז באמת, דער דין איז דאך אז לימוד התורה איז דוחה כל המצות שבתורה, חוץ פון א מצוה שא"א לעשותה ע"י אחרים, זי איז דוחה תורה, ובפרט נאך אויב עס איז א מצוה שהזמן גרמא, וואס דער זמן איז עובר, וואס דאס איז דער דין בכל הזמנים, ואפילו בזמן התנאים והאמוראים, אז אויב נאר עס איז א מצוה שזמנה עובר – שהזמן גרמא – און א"א לעשותה ע"י אחרים, איז זי דוחה תורה.

די עבודה פון זמן הזה, עקבתא דמשיחא, וואס באשטייט פון אויפשטעלן סוכת דוד הנופלת – ווי דער אלטער רבי זאגט אין אגה"ק – איז דאס אן עבודה וואס זמנה עובר און א"א לעשותה ע"י אחרים.

און ווי גערעדט אין דער התועדות פון שבת, אז דער חילוק פון דער גאולה פון דעם גלות ביז די גאולה פון פריערדיקע גלויות, באשטייט אין דעם אז דאן האט געקענט זיין א מציאות פון גאולה, און פונדעסטוועגן זאלן נאך א טייל אידן בלייבן אין גלות, ווי דאס איז געווען בעת די גאולה פון גלות בבל מדי פרס ויון, אבער איצטער אין די גאולה פון דעם גלות וועט קיין איד ניט בלייבן אין גלות.

דארף מען דאך האבן א ענין וואס מאכט אויף אז יעדער איד זאל ארויס פון גלות, ווארום בל ידח ממנו נדח, וואס דאס טוט זיך אויף דורך דעם וואס אידן פארבינדן זיך מיטן אויבערשטן. און דאס וואס לכל לראש פארבינדט נברא מיט בורא, איז דאס עבודת התפלה.

תפלה איז דאך מלשון נפתולי אלקים נפתלתי, א לשון פון חיבור, ביז אין אזא אופן פון חיבור (ווי חסידות ברענגט ארויס די ראי' אויף דעם)

דעם) אז דאס איז מלשון התופל כלי חרס, אז ער ווערט א ענין של טפל לבד, (כאטש אפילו אין רי רוב הגירסות שטייט דארט הטופל מיט א טית און הפלה איז דאך מיט א תיו).

דורך דעם וואס תפלתו איז אין אן אופן אז ער ווערט א טפל צו דעם וועמען ער איז מתפלל, ביז וואנען ער שטייט כעבדא קמי' מרי', ענין של מה בכך ושפלות האדם,דורך דעם ווערט ער איין זאך מיט דעם ענין - המחובר לטהור טהור.

און דאס נעמט אים ארויס פון דעם "ארצה", און ברענגט אים ארויף ביז "השמימה", וואס דורך דעם ווערט אויסגעפירט די תכלית ירידת הנשמה למטה, וואס ירידתה איז דאך אויף לתקן את הגוף ונפש הבהמית, מצד עבודתו הוא, און דערנאך גיט מען אים דעם ענין פון עמל תורה, וואס דאס איז פון די ענינים של מעלה, ווארום אויף תורה שטייט דאך הלא כה דברי כאש.

וכאמור לעיל איז דאס אויך פארבונדן מיט עבודת בעל ההילולא, וואס נוסף אויף דערויף וואס ער האט דאך אליין זיך עוסק געווען אין עבודת התפלה, איז דאך אויך געווען עניני אויף מחנך זיין און מורה זיין לילך בדרכיו, וואס צווישן זיינע אלע ענינים איז דאך אויך געווען דער עסק בעבודת התפלה.

וכמבואר בארוכה בכמה ממאמריו ושיחותיו ומכתביו דער גודל הענין והערך פון עבודת התפלה - פון עמל שיחה - וואס דורך דעם האט מען הצלחה שלא בערך אין עמל תורה, און מען פירט דורך דעם תכלית הכוונה אין עמל מלאכה, אין דעם נשאת ונתת באמונה, און מען טוט דאס אין אן אופן אז פון דעם עמל קומט מען צו אז מען זאל דערנאך זעהן פרי טוב בעמלו, פירות ופירי פירות עד סוף העולם. און ווי עס שטייט דער אפטייטש אויף עד סוף העולם, אז מען איז מסיים און מבטל דעם ענין פון עולם, דאס וואס די וועלט איז פאר זיך און עולם מלשון העלם והסתר, און עס ווערט דער ונגלה כבוד הוי' וראו כל בשר יחדיו כי פי הוי' דיבר, דורך דערויף וואס פיו איז ידבר אין אותיות התפלה, און דערנאך אין אותיות התורה, ביז ער איז ממשיך ומגלה למטה דעם פי הוי' דיבר, אז מען זעט אין די בריאה דעם דבר הוי' וואס ער איז ניצב לעולם בשמים וארץ וכל צבאם.

ד. דערנאך פירט אויס די גמרא (בסנהדרין שם), אז דער עמל וואס צוליב דעם איז נברא האדם, איז דאס עמל תורה. וואס אין תורה גופא קען דאך זיין דער לימוד ניט אין אן אופן של עמל, ע"ד ווי די גמרא זאגט אין מגילה אז לא יגעת ומצאת אל תאמין, און דוקא אויב יגעת איז דאן שייך מצאת, וואס דעמאלט איז פארקערט, יגעת ולא מצאת אל תאמין. אט דאס איז וואס ער זאגט דא אין גמרא אז דער לימוד התורה דארף זיין דוקא אין אן אופן פון עמל - פון הארעוואניע.

דער דיוק הלשון אין גמרא איז לא יגעת ומצאת אל תאמין. לכאורה קען מען דאך פרעגן א קשיא, מען זעט דאך במוחש, אז עס איז דא אזוינע וואס לערנען תורה ניט אין אן אופן של יגיעה, איז אמת, ווייסן ווייסן זיי וויניק, אבער וויניק ווייסן זיי אבער. נאך מערער, אויב מען האט גוטע כשרונות און מען האט ניט קיינע ענינים המבלבלים, איז דעמאלט קען מען מצליח זיין און ווייסן א סך, אעפ"י וואס ער דארף גאר ניט הארעווען אויף דעם,

ובפרט

ובפרט נאך לויט ווי ער זאגט אין הניא בארוכה, אז עס קען זיין אזא וואס נולד מתמיד בטבעו, אדער ווי אין תורה אור איז ער מבאר אז אויב ער איז א מרה שחורה'ניק בטבעו, איז דעמאלט ברענגט דאס צו התמדה און שקידה וחכמה, נאר וואדען, אעפ"י אז די עניינים - התמדה שקידה והכמה - גופא זיינען אים - צוליב זיין טבע - נעגטער, דארף ער אבער האבן די השתדלות אז די עניינים גופא זאלן זיך ביי אים אפלייגן, און אויסניצן די התמדה אין לימוד התורה,

ער דארף אבער ניט האבן קיין יגעת אין דעם <u>לימוד</u>, עס פאדערט זיך נאר אז ער זאל האבן דעם ענין פון יראת שמים, כדי ער זאל אפגעבן זיין צייט און זיינע כשרונות אויף לימוד התורה, דער גוף הלימוד אבער איז לכאורה אן איבעריקע יגיעה.

דער פשט אין דעם וואס די גמרא זאגט יגעת, איז דאך יגיעה אין דעם גוף הלימוד. דאס איז נאך מער מודגש לויט ווי די גמרא זאגט אין סנהדרין, אז עמל תורה מיינט ניט עמל שיחה, און מצד עמל שיחה אליין דארף מען אויך לערנען תורה, ווארום אז ער הארעוועט אין הבלה כדי ער זאל ווערן א ירא"ש און אפלייגן כל עניני גופו און פארנעמען זיך נאר מיט עניינים של הקב"ה, במילא מצד עמל שיחה איז אויב ער איז א מתמיד בטבעו, וועט ער אויך זיצן און לערנען, עס איז נאר וואס אין די תורה גופא וועט ער ניט האבן קיין יגיעה, און אויף דעם טוט אויף די גמרא אז עס דארף זיין עמל תורה, מיינט עס דאך יגיעה בתורה.

לכאורה עפ"י הנ"ל, אז מען זעט בכוחש אז עס קען זיין ידיעה אפילו <u>אן</u> יגיעה, ווערט שווער פארוואס דארף זיין יגעה, און דוקא דורך דערויף וועט זיין מצאת, וואס דאס איז לכאורה היפך המוחש והיפך הסברא. און ווי די גמרא זאגט אין שבועות ובביאור התוספות, אז אויב עס איז א סברא אזוי איז קרא למה לי, דאס איז נאך שטארקער ווי א בפירוש'ער פסוק, און מען זעט דאך אין פועל אז עס קען זיין אז ער איז ניט יגע און אעפי"כ האט ער ידיעות אין תורה?

וועט דאס זיין פארשטאנדיק בהקדם דעם כלל, אז עניינים אין תורה שבע"פ זיינען אויך מדוייק, און ניט נאר בסדר הקדימה ואיחור של העניינים, נאר אויך מדוייק אין א ווארט.

ובנוגע לענינינו: די גמרא זאגט ניט יגעת ולא <u>ידעת</u> אל תאמין, אדער לא יגעת <u>וידעת</u> אל תאמין, דאס זאגט ניט די גמרא ווארום דאס קען טאקע זיין, עס קען זיין לא יגעת און אעפי"כ זאל ער זיין א יודע און א למדן און תלמיד חכם מיט אלע ענינים. דאס וואס די גמרא זאגט איז אז לא יגעת <u>ומצאת</u> - דאס קען ניט זיין.

דער ענין פון א מציאה איז, אז זי איז שלא לפי ערך הטרחא. עס איז דא א ענין פון שכר, וואס דאס באצאלט מען אים אפ פאר זיין ארבעט, און לויט וויפל ער האט געהארעוועט אזוי פיל באצאלט מען אים. דערנאך איז דא א ענין פון מתנה, וואס דאס איז ניט וואס מען באצאלט אים שכר עבודתו, פונדעסטוועגן אבער - איז ווי די גמרא זאגט - אי לאו דעביד נייחא לנפשי' לא יהיב לי' מתנתא, וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק, אז וואס עס איז גרעסער דער נייחא, האט ער א גרעסערע מתנה. און ווי מ'זעט דאס בפועל.

דערנאך איז דא א ענין פון א מציאה, וואס ווי די גמרא זאגט אין סנהדרין קומט א מציאה בהיסח הדעת, ניט ער הארעוועט און ניט די

הארעוואניע

<u>הגהת הת' בלוי הורך</u>

הארעוואניע קען אין זערויף, לכאורה, אויפטאן. נאר וואדען, ער איז געגאנגען אין רשות הרבים און האט געפונען א חפץ, ווערט דאס זיינע, און דאס ווערט אנגערופן בשם מציאה.

דאס איז אבער ניט ווי "האדם יראה לעינים", אז דאס איז ח"ו געווען אזוי במקרה (אז יענער האט "צופעליג" פארלארן, און ער האט "צופעליג" געפונען), דאס איז דאך בהשגחה פרטית. ועד"ז ענין המציאה בנוגע לתורה: ווען קען זיין מציאה אין תורה, עס זאל ביי אים צוקומען שלא בערך, קען דאס ניט זיין סיידן קס ווען זיין פריער דער יגעת.

לכאורה איז דאך דער גאנצער ענין א פלא: אמת טאקע אויף תורה שטייט "היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים", עס איז א ענין של הבנה והשגה. תורה איז דאך אבער אויך אזא זאך וואס - ווי מען זאגט אין ברכת התורה - אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו, דאס איז די תורה וואס דער אויבערשטער לערנט, און אט די תורה האט ער געגעבן צו די לומדי תורה, אז בשעת א איד וועט לערנען, איז ניט נאר וואס הקב"ה קורא ושונה כנגדו, ווי אין פשוט'ן זין, נאר אויך אז דאס וואס קורא ושונה, איז דאס כנגדו, דאס וואס ער לערנט איז דאס די תורה וואס דער אויבערשטער לערנט.

בשעת ער באטראכט זיך וועגן דעם בלתי ערך כלל צווישן דעם לומד התורה מיטן נותן התורה, איז דאך איינגאנצן ניט שייכות אז אהינצו - צום נותן התורה - זאל דערגרייכן זיין ידיעה, וויפל ער וועט ניט הארעווען - הארעוועס דאס א נברא, א נשמה בגוף, מיט אלע הגבלות פון זמן ומקום וכו', קען ער דאך ניט ארויסגיין פון דעם גדר הנברא און פון די הגבלות וואס ער איז אין זיי מוגבל, היינט ווי קען ער צוקומען צו דעם בורא, וואס דאס איז שלא בערך כלל.

וואס ביי דעם אויבערשטן איז - ווי דער רמב"ם זאגט - הוא ודעתו אחד, דער אויבערשטער מיט זיין חכמה, רצון, שכל ודעת איז איין זאך, היינט ווי קען ער צוקומען צו תורתו,

אמת טאקע "ונתן לנו את תורתו", אויף דעם אויבערשטן קען מען ניט פרעגן קיין קשיא, און אז דער אויבערשטער וויל געבן קען ער געבן א ענין וואס איז שלא בערך אויך. דא רעדט זיך אבער אז דאס זאל ווערן זיינע, די תורה וואס ער לערנט זאל ווערן פאראייניקט מיט אים, ביז וואנען - ווי די גמרא זאגט אין ע"ז - אז פריער איז דאס בתורת ה', אבער דערנאך איז בתורתו, דאס ווערט זיין תורה; הן אמת, דאס גיט אים דער אויבערשטער, ביז דאס ווערט דערנאך ברשותו, דאס איז דאך אבער אלץ ווי דאס איז תורת ה', עס איז אבער ניט געווארן דער יהוד פון דעם מושכל מיטן שכל פון משכיל, און בפילא - מיט דעם משכיל אליין, וואס דוקא דעמאלט איז די הבנה והשגה בתכליתה.

און דערצו קען ער ניט דערגרייכן אפילו ע"י יגיעה אויך, ווארום וויפל ער וועט ניט הארעווען, הארעוועט דאס א מוגבל - קען ער ניט נעמען און דערגרייכן א ענין וואס איז שלא בהגבלה.

וכידוע די ראי' וואס מען ברענגט אויף דעם, אז מה-דאך א פילא בקופא דמחטא, אז מען זאל ווילן אדורך קריכן א פיל דורך די לעכעלע פון דעם מחט, וואס א פיל איז א מוגבל און קופא דמחטא איז א מוגבל, איז ניט נאר דאס איז ניט אפשר בפועל, נאר ווי די גמרא זאגט אז אפילו אין חלום קען זיך דאס ניט חלום'ען, אויף אזוי פיל

איז דאס

איז דאס מושלל אז עס קען אפילו ניט זיין אז עס זאל אים חלום'ען אזא זאך, ניט נאר וואס בשכל ובפועל קען דאס ניט זיין.

וכאמור איז דאס אלץ א חילוק פון איין נברא ביז א צווייטן נברא, פון איין מוגבל צו א צווייטן מוגבל, און דא זאגט מען אז <u>תורתו</u> (וואס איז בל"ג) איז נתן לנו (ווי מיר זיינען מוגבלים), און אין וואס פאר א אופן איז נתן, אז בשעת עס איז דא (בלויז) דער למגרס וועדט דאס אנגערופן תורת ה', און הגם אז אויך אויף דעם מאכט ער ברכת התורה, דאס איז אבער ניט נקראת על שמו. ווי אזוי קען ווערן דער ענין אז ס'זאל ווערן תורתו, איז דאס מער ניט ווי אין א אופן פון מציאה שלא בערך היגיעה.

ווען איז מען אים מזמין די מציאה, אויב עס איז דא דער יגעת. און זאגן אז ער וועט מצליח זיין אין תורה און אז עס וועט ווערן <u>תורתו</u> יהגה, נקראת על שמו, אן יגיעה – דאס קען ניט זיין.

און דער טעם איז טובן כפשוטו: כדי דער אויבערשטער זאל אים געבן אין א אופן עס זאל ווערן על שמו, דארף ביי אים זיין מעין זה וואס ער וויל נעמען. כל זמן ער איז א מוגבל און ער האָרעוועט לפי שכלו והבנתו, גייט ער ניט ארויס פון זיינע הגבלות, דעמאלט איז דאס נאך שווערער ווי פילא בקופא דמחטא, ווארום כנ"ל, ער איז א מוגבל און דאס וואס ער וויל נעמען איז אן הגבלות.

בשעת אבער ער גייט ארויס פון זיינע הגבלות, וואס דאס איז ניכר דורך דערויף וואס ביי אים איז דא דער יגעת, ער האָרעוועט אין תורה מערער וויפל אים ווילט זיך, מערער ווי א מתמיד בטבעו. ווי די גמרא אין חגיגה ברענגט א משל פון א שוק של חמרין שנשכרים לעשר פרסי בזוזא ולאחד עשר פרסי בתרי זוזא, וויבאלד דאס איז יותר מרגילותם,

וואס אזוי איז אויך בנוגע ליגוד התורה, אז דער פעם המאה ואחת וואס ער לערנט, איז דאס עולה כנגד כל המאה פעמים, ווארום וויבאלד אז דאן איז געווען די רגילות צו לערנען כל דבר מאה פעמים, איז דאס נאך אלץ טבעו. בשעת ער ברעכט זיין חבע, ער גייט ארויס פון זיין הגבלה און באווייזט א תנועה פון למעלה מהגבלה, דעמאלט איז אם דער יגעת גיט אים דעם ומצאת, אז ער וועט געפינען די תורה ביז וואנען אז דאס וועט זיין נקראת על שמו, אז דאס וואס ס'איז פריער געווען תורתו של הקב"ה, זאל דערנאך ווערן <u>תורתו</u>, ונקראת על שמו.

און צוליב דעם – עמל תורה – איז (ווי די גמרא פירט אויס) נברא האדם. וכל זמן ער גייט ניט ארויס פון זיינע הגבלות, האט ער נאך ניט ממלא געווען תכלית הבריאה.

ווארום מצד למעלה איז דאך עולם על מילואו נברא, דערנאך דארף א איד ווערן א שותף להקב"ה במעשה בראשית, וואס דער ענין פון א שותף איז כפשוטו – ער דארף עפעס צוגעבן, אויב ער גיט גארניט צו איז מיט וואס איז ער א שותף.

לכאורה, וויבאלד אז עולם על מילואו נברא, איז וואס איז שייך אז דער אדם זאל דא צוגעבן? די קשיא איז נאך שטארקער: עס איז דאך דא די חקירה הידועה אין שותפות, און די מסקנא שבזה: אז ניט שותפות איז דער עשט אז איינער האט איין חלק, איין טייל, און דער צווייטער האט א צווייטן טייל, וניין לאחד שייכות בחלקו של חבירו,

נאר

נאר דער ענין פון שותפות אמיתית איז, אז בכל נקודה ונקודה זיינען זיי ביידע בעלי בתים, עס איז ניטא קיין איין נקודה אין וואס זיי זיינען ניט שותפים, (ניט דערפאר וואס אין ברירה, אפילו אז עס וואלט געקענט זיין ברירה, און אפילו ווי דאס איז כלפי שמיא, וואס דארט איז הכל גלוי וידוע), ווארום באמיתית ענין השותפות איז ניטא קיין איין נקודה פון דעם דבר המשותף וואס זאל געהערן איינעם און ניט דעם צווייטן.

ולכאורה ווי איז שייכות זאגן אז א נברא זאל ווערן א שותף להקב"ה במעשה בראשית, ובפרט לפי הסבר הנ"ל בענין השותפות ווי דאס איז לאמיתתו.

דער מדרש זאגט אז תורמסין זיינען נברא אין א אופן וואס זיי זיינען ניט בשלימות, והאדם ע"י הבישול איז ער מתקן די תורמסין. דע-מאלט איז דאס אבער ניט אמיתית ענין השותפות, נאר עס קומט אויס אז מצד דעם בישול שבדבר איז דאס איינגאנצן דעם אדם'ס, און מצד דעם עצם הדבר, ווי ער איז נאך קודם שנתבשל און אויך ווי דאס בלייבט, בכמה ענינים, אויך לאחר שנתבשל, איז דאס איינגאנצן דעם אויבערשטנס, וואס אמת, דערנאך, לאחר שנתבשל, איז דער ענין צוזאמענגענומען פון חלק האדם וחלק הקב"ה, דאס איז אבער ניט אמיתית ענין השותפות,

אט דאס וואס מען זאגט אז נעשה שותף (אמיתית ענין השותפות) להקב"ה, אז בכל נקודה ונקודה איז אי דער אויבערשטער און אי דער אדם העובד עבודתו, זיינען זיי דארטן ביחד בעלי בתים, איז דאס בדוגמא ווי די גמרא זאגט אין שבת, אז כל האומר ויכולו נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית.

דער ענין פון זאגן ויכולו איז: ער איז מעיד אין ארץ ושמים וכל צבאם, אז יעדער נקודה האט באשאפן דער אויבערשטער, און עס איז ניטא קיין איין נקודה בעולם וואס ח"ו מעצמו נברא - ניט ע"י הקב"ה - דאס ווערט ארויסגעבראכט בגלוי דורך דעם איד וואס איז מעיד אז ארץ ושמים וכל צבאם, יעדער נקודה פון זיי, איז באשאפן געווארן ע"י הקב"ה. בשעת מען פירט זיך מיט אזא הנהגה, ווערט יעדער איד א שותף במעשה בראשית.

אזוי איז אויך אין עמל תורה: בשעת ער הארעוועט און גייט ארויס פון זיינע הגבלות, איז דעמאלט נעמט ער דעם דבר בלתי מוגבל שלמעלה, אז יעדער נקודה שבמציאות האדם שיצא מהגבלתו, ווערט דורכ-גענומען מיט דעם בלי גבול פון תורה.

צוליב אט דעם עמל - עמל תורה - איז דער אדם לעמל נברא. דאס איז אויך מתאים מיט דעם וואס מען האט גערעדט פריער, אז הנשמה ירדה למטה כדי לתקן את הגוף ונפש הבהמית פון דעם עולם, א איד דארף מאכן פון וועלט אז דאס זאל ווערן אויס וועלט, אויס הגבלה, און דאס מאכט ער דורך דעם ענין פון עמל.

דער ענין העמל איז, אז ער טוט היפך טבעו, מיט די כמה סברות פי דאס איז היפך טבעו במלאכה (מעשה), אדער היפך טבעו בשיחה, אין עבודת התפלה, ביז (בנוגע) מחשבה - היפך טבעו, אז דער לימוד התורה זאל זיין דוקא אין אן אופן פון יגעת.

בשעת ער טוט היפך טבעו, סאיז דא ביי אים דער יגעה, דאן איז אים דער אויבערשטער מזמין און גיט אים דעם ומצאת, וואס קומט בהיסח הדעת.

ווארום

וואָרום אַזוי איז עלה ברצונו אַז בשעת אַ איד גייט נאָר אַרויס מהגבלתו, אַעפ"י וואָס לגבי אַ געוויסן מענטש וואָס שטייט העכער פון אים איז שכל איז זיין יגיעה אויך אַ הגבלה, וואָרום יענער האָרעוועט שלא בערך מערער, אים איז דאָך דאָס אַבער היפך טבעו, ווערט דאָס זיין פעם המאה ואחת,

און דעמאָלט ווערט דער ומצאת, און דאָ ווערט נתקיים ונשלם דער תכלית הבריאה, און ווי די גמרא זאָגט (סנהדרין צט,ב) הוא עמל במקום זה ותורתו עומלת לו במקום אחר, און ווי רש"י טייטשט דאָס אָפּ, אַז די תורה איז מבקשת מאת קונה למסור לו טעמי תורה וסדרי', און ווי דער מהרש"א איז דאָס נאָך מער מפרש, אַז מגלין לו רזי תורה,

דורך דעם האָט מען שוין די התחלה און מען ווערט אַ כלי אויף תורתו של משיח, וואָס דעמאָלט וועט דאָך זיין דער ישקני מנשיקות פיהו, וואָס ווי רש"י טייטשט דאָס אָפּ (געבראַכט פון מדרש), אַז מען וועט מגלה זיין די רזין און רזין דרזין תורה בגילוי, וואָס די התחלה והכנה לזה, דער טועמי' חיים זכו, איז דאָך דער ענין פון יפוצו מעינותיך חוצה, וואָס דאָס ברענגט אַראָפּ דעם קאתי מר דאָ מלכא משיחא, וילמד תורה את כל אחד ואחד מבני ישראל.

ח. ווי גערעדט כמה פעמים, איז אַ קס"ד פון תורה אויך אַ סברא פון תורה, ובמילא ווערט דאָס אַ חלק פון תורה, ביז וואָנען אַז מה-דאָך אַז מען זאָגט בנוגע מחלוקת ב"ה וב"ש אַז אלו ואלו דברי אלקים חיים, וואָס דברי ב"ש במקום ב"ה איז דאָך אינו משנה, עאכו"כ בשעת עס איז דאָ אַ קס"ד און מען פרעגט דאָס אָפּ פון אַ פסוק, איז דאָך דאָס וויניקער אָפּגעפרעגט ווי בשעת מען זאָגט אַז אינו משנה, איז דאָך דאָס זיכער אַז אלו ואלו דא"ח. נאָר וואָדען, דאָס – המסקנא – איז למעשה, און דאָס איז מער ניט ווי אַ קס"ד.

און ווי שוין גערעדט כמה פעמים, אַז בשעת מען לערנט איבער ש"ס נאָכאַמאָל, איז אַעפ"י וואָס ער געדענקט פון די פריערדיקע מאָלן לערנען אַז די מסקנא בלייבט אַז דאָס וואָס אָדם לעמל נברא איז דאָס לעמל תורה, ניט ווי די הו"א אַז דאָס איז לעמל מלאכה אָדער לעמל שיחה, איז בשעת ער לערנט נאָכאַמאָל די גמרא דאַרף ער דאָס לערנען במילואו, ד.ה. איינגעשלאָסן די הו"א פון די גמרא, ומה להלן באימה וביראה וברתת ובזיעה אף כאן באימהוביראה וברתת ובזיעה.

לכאורה איז ניט פאַרשטאַנדיק: בשלמא אַז ער לערנט אום צווייטן מאָל באימה וביראה וברתת ובזיעה די מסקנא פון גמרא אַז דאָס איז עמל תורה, איז פאַרשטאַנדיק – לעמל תורה נברא איז אַ פסק דין אין תורה, אַזוי אויך בשעת ער לערנט צום ערשטן מאָל די קס"ד, דאַרף אויך זיין באימה וביראה וברתת ובזיעה, ווייל דעמאָלט ווייס ער נאָך ניט פון די ראיות וואָס ס'וועלן זיך ברענגען ווייטער אין גמרא אַז עס שטייט פאַרקערט, און די תורה איז דאָך ניט ניתנה למלאכי השרת, דאָס איז געגעבן געוואָרן צו אַ בן אָדם וואָס ער איז הולך מחיל אל חיל,

פריער שטייט ער אין דרגת הלימוד אין אַן אופן אַז ביי אים קען זיך אָפּלייגן אַז לעמל שיחה נברא, וואָרום ער ווייס ניט פון דעם פסוק לא ימוש ספר התורה הזה מפיך, און בשעת מעשה איז ער מקיים לימוד התורה,

ווײַבאַלד אַבער



הנחת הת' בלתי מוגה

וויבאלד אבער אז ער לערנט הוין דעם ענין א צווייטן מאל און גערענקט אז אס ערשט האט ער געלערנט אז לעמל תורה נברא, ווי עס איז אויף דערויף דא דער פסוק, און האט דאס ניט פארגעסן, זאגט מען אים אז בשעת ער וועט לערנען די הו"א פון גמרא אז אפשר קען זיין אז לעמל נברא מיינט מען ניט עמל תורה, טאר ער דאס ניט לערנען אן א הקדמה פון ברכות התורה, און דארף דאס לערנען באימה וביראה וברתת ובזיעה, און ער דארף לערנען כתורת אמת, אז אפשר איז דאס צוליב עמל מלאכה, ווי-סנדיק נאך איידער ער גייט צו צום לערנען אז עס איז דא א בפירוש'ער פסוק אז דאס וואס לעמל נברא מיינט דאס דער עמל פיהו של תורה.

איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז אפילו ער לערנט דאס א צווייטן מאל, אפילו ער לערנט דאס מאה פעמים, ואפילו מאה פעמים ואחת (וואס דאס איז מבטל דעם שר של שכחה ששמו "מס", ווי עס ווערט געבראכט אין ספרי הקבלה אז דאס איז בגימטריא מאה, משא"כ מאה ואחת וואס איז מיט איינע מער איז עס מבטל דעם שר של שכחה), וואס ער געדענקט דאך וואס ער האט געלערנט די מאה פעמים, אז די מסקנא איז עמל תורה,

האלט ער שוין ביי דעם הונדערט און איין מאל, טראכט ער איבער די סברא נאכאמאל און ער האט אויף איר וואס צו פרעגן, אז די ראי' פון פסוק איז קיין ראי' ניט, און עס קען זיך ערשט לייגן אז דאס איז עמל מלאכה, און לערנט מיט די זעלבע לעבעדיקייט און מיט דעם זעלבן חיות ווי די פריערדיקע מאלן, ביז וואנען אז דעמאלט איז הקב"ה קורא ושונה כנגדו בעת ער לערנט די קס"ד צום הונדערט און צווייטן מאל.

דאס באווייזט ווי אזוי עס דארף זיין דער עמל תורה, לכאורה איז אים אפגעלייגט בפשיטות פון די פריערדיקע הונדערט מיט איין מאל, פונדעסטוועגן הארעוועט ער אויף אזוי פיל אז ער געפינט נאך א טיפערע סברא וואס קען מבטל זיין דעם ענין, און ער דארף ערשט נאכאמאל לערנען פון דאס ניי און ברענגען די הוכחה אז דער פסוק איז מכריח אז דאס איז עמל תורה, און כ"ז ער לערנט מיט דעם הונדערט און צווייטן מאל, איז דאס נאך דעמאלט ניט דער ענין בודאות – וואס דאס איז דאך א עמל גדול ביותר.

דערפון איז דאך אויך פארשטאנדיק אז אפילו לאחרי זה ווי מען האט אפגעשלאגן די קס"ד, איז דאס נאך אלץ א ענין אין תורה, וכידוע דער מאמר וואס שטייט אין ספרים (ניט אין ספרי חסידות חב"ד, במילא וויל איך ניט איבערזאגן דאס מיט א פשיטות), אז דער בעש"ט האט געזאגט, אז עס איז ניטא קיין תירוץ אויף וועלכע ער וועט ניט קענען געפינען א קשיא. און עס איז ניטא קיין קשיא אויף וועלכע ער וועט ניט קענען געפינען א תירוץ. און האט געזאגט אויף דעם די הסברה: תורה איז דאך דא בכל עולם ועולם, וואס אין יעדער עולם הויב דער עולם איז א העכערער איז אויך דער לימוד התורה באופן נעלה ביותר,

במילא איז דאך דערפון פארשטאנדיק, אז עס לערנט א תינוק, א בן חמש למקרא, בן עשר למשנה, בן חמשה עשר לגמרא, דערנאך וועט לערנען א חכם גדול ביותר, וועט ער פארענטפערן אלע ענינים וואס ביי דעם תינוק, ביי דעם קטן, אדער אפילו בן חמש עשרה לגמרא איז געבליבן מיט א קשיא, וועט ער געפינען אויף דעם דעם תירוץ,

אזוי איז להיפך, אז די וואס צו זיי וועט קומען דער תירוץ, וועט דער וואס איז א חכם גדול ביותר געפינען א דיחוי און סברות וואס זיינען סותר דעם תירוץ.

ועד"ז

ועד"ז ע"י עלייתו מעולם לעולם עליון הימנו, איז ווען ער וועט דעמאלט לערנען תורה לויה דעם לימוד אין א העכערן עולם - וואס דאס איז די חכמה שבעולם ההוא, וואס דער לימוד התורה שבעולם ההוא איז א סך העכער פון די תורה שבעולם שלמטה הימנו - וועט ער קענען פארענטפערן די קושיא פון עולם שלמטה, און וועט קענען אפפרעגן דעם תירוץ פון עולם שלמטה, אעפ"י וואס מצד די חכמה שבעולם הזה - דער עולם וואו ער געפינט זיך אין אים איצטער - איז דאס א קושיא אמיתית און א תירוץ אמיתי.

דאס גיט נאך א הבנה ווי דער ענין פון עמל מלאכה איז נאך מערער ווי א קס"ד וואס מען האט אים שוין אפגעפרעגט, ווארום עס איז דא אן עולם וואס מען האלט נאך פאר דעם אפפרעג.

דערנאך איז אבער דא ווי אין עמל תורה גופא איז כלול אסי׳ דער עמל שיחה און סיי דער עמל מלאכה, וואס פון עמל שיחה און עמל מלאכה ווי זיי שטייען אין תורה, ווערט דערנאך נמשך דער עמל שיחה בפני עצמו און עמל מלאכה בפני עצמו.

ובכללות איז דאס דאס וואס ער זאגט אין מדרש, אז אלע ענינים וואס זיינען דא אין וועלט איז תורה די דפתראות ודוגמתאות ופנקסאות אויף זיי, דורך "אסתכל באורייתא וברא עלמא" ווערט דאס דערנאך נמשך אין כלל פון וועלט. איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז דער אופן ווי דער עמל מלאכה שטייט אין וועלט, און אזוי אויך אז בכלל ווי קומט ער אין וועלט, איז דאס דערפאר וואס פריער איז דאס געשטאנען אין תורה.

ועד"ז אויך בנוגע עמל שיחה, דער ענין התפלה, פון וואנען ווייס מען אז עס איז "מצוה להתפלל", זאגט דער רמב"ם, דערפאר וואס עס שטייט אין תורה ועבדתם את ה׳ אלקיכם בכל לבבכם, אדער פון אנדערע פסוקים, וע"ד "מתפלל עליהם דרך ארצם" וכו׳, און די אלע פסוקים וואס זיינען דא בזה.

וויבאלד אז עמל מלאכה און עמל שיחה שטייען אין תורה, במילא שטייען זיי אויך אין דעם <u>עמל</u> תורה, וואס דעמאלט קומט אויס אז אפילו לפי המסקנא אז לעמל תורה נברא האדם, איז אין דערויף גופא פאראן עמל מלאכה ועמל שיחה, ווי עס שטייט אין תורה דער עמל שיחה און עמל מלאכה.

און אט דא קום איך צו דעם ענין וועלכע עס קאכט זיך שוין א מעשה פון א זמן רב ביותר, הידוע בשם "מבצע תפילין".

דער ענין פון תפילין האט אין זיך א תכונה מיוחדת, דאס איז א ענין וואס די גמרא זאגט אויף דעם "הוקשה כל התורה כולה לתפלין". אעפ"י וואס אין פירוש הפשוט מיינט דאס נאר ענין המצות, אז דאס איז הוקשה לכל <u>מצות</u> התורה, דאס איז דאך אבער א לשון אין תורה, איז דאך דאס זיכער א לשון מדוייק אז כל התורה כולה, כולל אויך חלק התורה איז הוקשה לתפילין.

בפרט עפ"י המבואר אין מדרש תילים, אז אמרה ישראל רבונינו לעסוק בתורה יומם ולילה, נאר וואדען - מען קען ניט מצד די ענינים פרנסה, עמל שיחה און עמל מלאכה, אמר להם הקב"ה, אז בעת מען וועט לייגן תפילין - מעלה אני עליכם כאילו מען לערנט תורה יומם ולילה.

דערפון איז פארשטאנדיק, אז דאס וואס דער אייבערשטער זאגט אז הוקשה כל התורה כולה לתפילין, איז דאס ניט גלאט אויסגעשפארט

צווייי

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

צוויי ענינים וואס האבן צווישן זיך קיין שייכות ניט, בשעת דער אויבערדשטער פארבינדט זיי א שייכות פנימי, וואס דאס איז וואס הוקשה כל התורה לתפלין, און ווי דער פירוש הפשוט אין מקרא, וואס עס איז א כלל אין הלכה, אז אין מקרא יוצא מידי פשוטו – איז דער פירוש הפשוט אין דעם פסוק למען תהי' תורת ה' בפיך, אז דורך הנחת תפילין וועט זיין תורת ה' בפיך, וואס דאס מיינט מען כפשוטו – דער ענין פון תורה.

דערנאך איז דא אין דעם דער ענין פון עמל שיחה: דער ענין פון תפילין איז דאך, ווי די גמרא זאגט, כל הקורא קריאת שמע בלא תפילין כאילו מעיד עדות שקר בעצמו – תפילין איז פארבונדן מיט דעם ענין פון ק"ש, און ווי מען זאגט אויך בנוגע השייכות דתפילין לתורה, אז דאס איז ניט תורה ווי אין הבנה והשגה, נאר ס'זאל זיין תורת ה' בפיך, אין דעם ענין פון דיבור, דער ענין פון שיחה. דערפאר איז דאך אויך ווי דער דין איז בפשטות, אז הנחת תפילין קען דאך לכאורה זיין במשך כל היום כולו פון נץ החמה, אבער דער זמן המוכשר אויף דעם איז פארבונדן מיטן זמן פון שיחה – דער זמן התפלה.

דערנאך קומט דאס ארויס אין עמל מלאכה, וואס דאס איז דאך דער פלא'דיקער ירושלמי (וואס דאס האבן דערמאנט און אין דעם האבן זיך געקאכט די אלע וואס זיינען געקומען מיט קשיות), און דער ערשטער וואס ברענגט דאס, איז דאס דער ספר החינוך.

ער זאגט אין ירושלמי, אז איינער האט ניט געוואלט באצאלן פאר דעם וואס מען האט אים געגעבן, האט אים דער צווייטער געענטפערט אז ניט אים האט ער געגעבן, נאר ער האט דאס געגעבן "לתפלין שעל ראשך".

לכאורה, וואס עפעס דוקא תפלין שעל ראשו, ער האט דאך געטראגן ציצית אויך? – איז דערפון א הוכחה אז טראגן ציצית איז ניט פארבונדן מיט נשאת ונתת באמונה. דאס וואס איז פארבונדן מיט נשאת ונתת באמונה איז דאס בעיקר דער ענין התפילין. דערפאר אז ער גייט צו אים מיט טענות, ער גייט מיט יענעם אריין במשא ומתן וענינים של מסחר והלואות וכו', איז פאר וואס – זאגט ער – האט ער אים געגלויבט, דערפאר וואס ער האט געטראגן תפילין, וואס תפילין איז פארבונדן מיט נשאת ונתת באמונה.

בשעת אז אין דעם איז דא דער ענין פון תפילין באופן של עמל, איז דעמאלט האט מען דעם עמל פון הוקשה כל התורה כולה לתפלין בכל הענינים, און מען האט דעם עמל ווי אין עמל תורה, און מען האט דעם ענין פון עמל ווי אין עמל שיחה, וואס דעמאלט – בזמן התפלה – איז דער עיקר זמן – ווי עס איז מנהג ישראל – אויף אנטאן תפילין און דאווענען מיט זיי, און מען האט דעם ענין פון נשאת ונתת באמונה ווי עס דארף זיין, אז מען קען זיך פארלאזן אויף אים אוליב די "תפלין שעל ראשך", אז עס זאל זיין משאו ומתנו באמונה.

דערפאר איז דאך אויך בשעת עס איז דא דער ענין פון תפלין זיינען דא די אלע דריי ענינים פון מחשבה דיבור ומעשה – עמל תורה, עמל שיחה ועמל מלאכה, ווארום בכללות איז דאך מלאכה דער ענין פון עשי', שיחה איז דער ענין הדיבור, ווי גערעדט פריער באריכה, און תורה איז דאך ווי דער דין ווערט אפגעפסק'נט אז עמל תורה איז פארבונדן אז מבין מה שהוא לומד, וואס דאס איז דער ענין המחשבה, ווארום לולי זאת וואס ער פארשטייט וואס ער לערנט, סאר ער דאך ניט מאכן קיין ברכה – ניט דאס איז דער ענין פון לימוד התורה, מער ניט ווי



הנחת הת' בלתי מוגה

ווי אין תורה שבכתב איז שייך לימוד אָן הבנה והשגה, אבער תושבע"פ איז דאך ניט שייכות אָן הבנה והשגה, ובמילא אויב עס פעלט הבנה והשגה – מחשבה – איז ניט שייכות דער ענין פון עמל תורה.

די דריי ענינים פון מלאכה שיחה און עמל תורה איז דאס דער ענין פון מחשבה (עמל תורה), דיבור (עמל שיחה) ומעשה (עמל מלאכה), וואס אט די דריי ענינים – מחדו"מ – זיינען דא אין מצות תפילין.

אין מצות תפילין איז דאך דא דער ענין פון הנחת תפילין, וואס דאס איז דער ענין המעשה; דערנאך איז דא דער ענין וואס אויף תפילין דארף מען דאך מאכן די ברכה, ווי אויך – ווי גערעדט פריער – דער מנהג ישראל אז מען פארבינדט דאס מיט א ענין של שיחה – תפלה; דערנאך איז ווי אפגעפסק'נט אין שו"ע בארוכה, אז בשעה שמניח תפלין זאל ער האבן בכוונה אויף משעבד זיין דעם מוח ולב און שציונו הקב"ה להניחם על היד ועל הראש, ובפרט די אריכות ההתבוננות אין דעם, ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין תניא (פמ"א).

אט דא איז אבער די מעשה און תסרון וואס ער מאכט ניט איבער וועלט. אמת טאקע עס איז דא דער ענין המעשה וואס ער איז מניח תפלין, אבער ניט ער אליין בעצם די קלף של רשות ודיו של רשות און שרייבט דאס אן און מאכט דערפון די בתים ופרשיות וכו' און לייגט דאס, עס איז נאר דא די מעשה ההנחה אליין. במילא קומט דאך לכאורה אויס אז דאס איז ניט עמל מלאכה. עמל מלאכה איז בשעת מען מאכט איבער פון רשות – וע"ד פון א בהמה – מאכט ער דערפון די תשמישי קדושה צי תשמישי מצוה, און דערנאך בהנחתן איז ער מקיים די מצוה בפועל, – מעשה ההנחה אליין, לכאורה, איז ניט עמל מלאכה.

דא קומט צו א חידוש וואס דער אלטער רבי איז מוסיף אין שו"ע (וכמדובר כמה פעמים, אז עס זיינען דא גוואלדיקע חידושים אין דעם שו"ע פון דעם אלטן רבי'ן, וואס בשעת מען איז זיך מתבונן זעט מען עס על כל צעד וצעד. בפרט איז דאס נאך מער מורגש ווען דער אלטער רבי ברענגט אראפ א לשון פון עמעצן שקדמו און איז מוסיף אדער משנה בזה, עאכו"כ וואס דאס איז מורגש אין דעם אלטן רבי'נס שו"ע ווען ער ברענגט אראפ דעם לשון פון שו"ע פון דעם מחבר, און אין דערויף איז דא א שינוי אדער א הוספה),

און דא געפינט מען די הוספה בנוגע צו כוונת תפלין, וואס דאס איז א גוואלדיקער חידוש בהנוגע להלכה, און עס קומט דערפון אויך ארויס נפק"מ בהנוגע למעשה.

— און דאס איז: דער לשון ווי עס שטייט אין שו"ע פון מחבר (סי' כה סק"ה) איז, אז בשעה שיניח תפלין איז דעמאלט דארף מען מכוון זיין שציוונו הקב"ה להניחם על היד ועל הראש און כדי מען זאל געדענקען יציאת מצרים, און מקעבד זיין דעם מות והלב. אט דעם גאנצן לשון ברענגט אראפ דער אלטער רבי אין זעלבן סימן (ס"ק י"א) און אין דעם זעלבן ענין, און איז מוסיף עטלעכע ווערטער בתחילתו, ער הויבט ניט אן יכוון שציוונו הקב"ה להניחם, נאר יכוון שציוונו הקב"ה לכתוב פרשיות אלו ולהניחם על היד ועל הראש.

דערכון וואס ער איז מוסיף לכתוב פרשיות אלו קומט דאך ארויס א חידוש גדול, אז פונקט אזוי ווי כל אחד ואחד נצטווה (אויב נאר דאס איז א זכר בן י"ג שנה ומעלה) <u>להניח</u> תפלין על היד ועל הראש, אזוי איז

כאו"א נצטווה אז ער זאל שרייבן די ד׳ פרשיות פון תפילין. אויך ביי מזוזה שטייט דאך לכאורה וקשרתם וכתבתם, און דערנאך אויך בפרשה שני׳ חזר׳ט זיך נאכאמאל איבער וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך, אבער ביי מזוזה געפינט מען ניט א ספעציעלער ציווי על הכתיבה.

ביי ספר תורה וואס שטייט וכתב, איז טאקע דא די מצוה אז יעדערער זאל שרייבן א ספר תורה פאר זיך, וואס דאס גייט דאך אריין במנין התרי"ג מצות, אבער ביי מזוזה געפינט מען ניט אזא ציווי.

דער אלטער רבי איז מוסיף אויפן לשון פון מחבר, כנ"ל, אז אין די כוונה בכל יום ויום וואס ער דארף מכוון זיין בשעת ער לייגט תפילין, דארף ער מכוון זיין ניט נאר אז ציוונו להניחם על היד כנגד הלב ועל הראש, נאר יכוון שציוונו לכתוב פרשיות אלו,

ד.ה. אז דאס וואס דער סופר האט געשריבן די פרשיות, האט ער דאס געשריבן בתור שליחות פון דעם אדם המניח את התפלין, ובמילא קומט אויס אז ער אליין, האדם המניח, האט געשריבן די פרשיות.

דאן קומט אויס, אז אויך דער אדם המניח תפילין האט גענומען א זאך פון וועלט, פון דבר הרשות, און דאס איבערגעמאכט און געמאכט דערפון תשמישי מצוה ותשמישי קדושה, ביז אז ער איז דערמיט מקיים די מצוה בפועל,

עס איז נאר וואס מאיזה סיבה שתהי׳ איז דאס פאר אים געשריבן געווארן דורך א צווייטן. ועפ"ד ווי א ספר תורה איז דאך דא לכמה דיעות, ביז ווי עס בלייבט די מסקנא,אז בשעת מען קויפט אפ א ספר תורה איז מען דעמאלט אויך יוצא דערמיט מצות כתיבת ס"ת. און אפילו אט די וואס זיינען מחמיר, זיינען זיי אויך מודה אז עס איז גענוג אז מען איז דערנאך אליין מוסיף אן אות אדער מגי׳ מתקן וכיו"ב.

עד"ז איז אויך אין תפילין, כאטש אפילו אז בפועל האט דאס געשריבן אן אנדערער, ער האט דאס אבער ביי אים אפגעקויפט, צי באופן אחר איז דאס געווארן זיינע, און ווער רעדט נאך אויב ער וועט מהדר זיין און משנה זיין דעם קשר וכיו"ב, וואס דאס טוט דאך יעדערער בדרך ממילא בשעת ההנחה, דעמאלט ווערט ער אט דער וואס כתב די ד׳ פרשיות.

כאטש אז אויף א מצוה שבגופו העלפט ניט קיין שליח, דאס איז דאך אבער ניט א מצוה שבגופו, נאר ע"ד ווי כתיבת ספר תורה, קען ער דאך דאס אפטאן אויך דורך א צווייטן.

און אט דאס איז דער חידוש פון דעם אלטן רבי׳ן, אז עס איז אויך נצטווה געווארן על כאו"א לכתוב ד׳ פרשיות אלו.

עפי"ז קומט דאך ארויס נאך א שלימות, אז יעדער טאג בשעת מען לייגט תפילין איז דארטן דא דער עמל מלאכה, מען מאכט פון א דבר רשות (עפ"י הציווי לכתוב ד׳ פרשיות אלו) ד׳ פרשיות של תפילין, דבר מצוה, און דערנאך איז ער זיי מניח על היד כנגד הלב ועל הראש. וכאמור, איז כל זמן ער טוט דאס ניט אין אן אופן פון עמל, איז נאך ניט מקויים געווארן דער אדם לעמל יולד.

אט דא קומט מען להנקודה המכוונת בהנוגע צו מבצע תפלין: דאס וואס ער אליין לייגט תפילין דארף ער דאך אויף דעם קיין עמל ניט האבן, ווארום ברשיעי לא עסקינן, ובפרט אז די מציאות איז גאר ניטא בזמנינו

אלו



הנחת הת׳ בלתי מוגה

אלו, עס זיינען דא אט די וואס ווייסן דעם חומר הדבר און די וואס ווייסן ניט, וואס דערפאר זיינען זיי ניט מקיים, אדער ניט מהדר, אדער נאך נידעריקער דערפון - דאס איז אבער ניט א רשע, וואס דאס איז א ענין וואס כפירוש הפשוט איז דאס איינער וואס טוט אויף צו להכעיס, צו טאן במזיד, וואס אין דערויף איז לא עסקינן. במילא קומט אויס אז מיט זיין איינענעם לייגן איז אין דעם ניטא דער ענין פון עמל.

ווען ער רעדט מיט א צווייטן און יענער טוט טאקע אן, אבער דאס קומט אים אן לייכט, איז נאך אויך ניט קיין עמל. אויב אבער ער איז א ביישן און אעפי"כ איז ער זיך מכריח צוריידן מיט א צווייטן, אין דערויף איז דא דער ענין פון עמל.

אויב ער רייסט אפ פון זיין צייט, פון זיינע ענינים, וואס אויף דעם דארף ער האבן א עמל, דעמאלט איז דאס עמל אין תורה און אין שיחה ובמלאכה. והעיקר, בשעת ער באנוגנט זיך ניט מיט איינעם, נאר ער פועל'ט אויף שנים און שלושה ועשרה וכמה פעמים עשרה, דעמאלט איז דא אין דערויף דער ענין פון עמל,

דעמאלט איז מען מקיים בבת אחת דעם ענין פון עמל תורה און עמל שיחה און עמל מלאכה, ווי דאס שטייט אין א ענין וואס הוקשה כל התורה לענין זה, וואס דאס איז דער ענין פון תפילין. און אט דא ווערט דער שלימות הענין וואס אדם לעמל יולד, וואס דורך דערויף ווערט דאך אויפגעטאן דער גאנצער ענין הבריאה, ביז אויך דער טעם אויף ברה"ע וואס איז געווען כדי עס זאל ניט זיין קיין נהמא דכסופא,

ובפרט נאך אז מען טוט דאס מתוך שמחה וטוב לבב, אז מען דארף אים ניט בעטן און ביי אים איינבעטן, נאר ער שלאגט זיך אליין אן און טוט דאס אליין,

די הוכחה אז ער טוט דאס אויף באופן הרצוי איז, אז ער זעט אז א צווייטער זאל אויך טאן באופן ווי ער טוט, און דעמאלט איז שמחה פורץ גדר און עס קומט ארויס דער תכלית הכוונה אויף ממשיך זיין שכינתו ית' דא בתחתונים. וואס באמת איז אויך לכתחילה עיקר שכינה בתחתונים היתה, דאס איז אבער געווען מצד חפץ חסד, און איצטער קומט דאס ע"י עמל האדם, במילא איז דאס בתוספות אור וביתר כח ועוז, וואס דאס וועט מען זען בגילוי בקרוב ממש ווען עס וועט זיין דער ונגלה כבוד הוי', אז דורך דעם וואס איצטער איז דא דער וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך - אלו תפלין שבראש, זעט דאך וועלט אז שם הוי' נקרא עליך, וועט דאס ארויפברענגען דעם ענין פון ונגלה כבוד הוי' וראו כל בשר, אז די גאנצע וועלט וועט זען כי פי הוי' דיבר.

דאס איז דאך אויך דער ביאור בדרך אפשר, אויף דערויף וואס ער זאגט אין מדרש תילים, אז בשעת עס וועט קומען נאענט צו גילוי משיח און מלחמה של משיח, וועלן קומען גוים אוגיין און וועלן שרייען ננתקה את מוסרותימו ונשליכה ממנו עבותימו, זאגט ער אין מדרש תילים אז ננתקה גו' אלו תפלין של יד ותפלין של ראש (וואס דאס איז די הוספה אויפן מאמר הגמרא אין ע"ז), ווארום דאס איז נוגע אויף ניט צולאזן משיח'ן, בשעת מען איז מונע דעם ענין פון תפלין, ננתקה את מוסרותימו ונשליכה ממנו עבותימו - לאזט דאס ניט צו אז משיח זאל קומען.

אין זוהר איז דאס מבואר מיט נאך מער ביאור, דארטן זאגט ער אז תפלין איז בדוגמא ווי א רצועה וואס בינדט איין דעם צד השמאל,

ובמילא



<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

ובמילא מוז דער צד השמאל טאן לויט ווי דער חבל הרצועה מיט וואס מען האט אים איינגעבונדן פירט אים.

וואס דאס איז דאך דער ענין פון משיח'ס קומען, אז מען וועט איינבינדן דעם יצה"ר, אחר הרעותי, און מען וועט מאכן פון אים דעם בכל לבבך בשני יצריך, ובגלוי, וואס דעמאלט וועט דאך זיין ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ, וואס דערפאר וועט זיין וראו כל בשר יחדיו כי פי הוי' דיבר.

די הכנה קרובה לזה איז דורך דעם וואס עס וועט זיין א התחזקות און א התפשטות אין קיום מצות תפילין, און מיט די אלע ענינים שבזה אז ציוונו הקב"ה לכתוב ד' פרשיות ולהניחן על היד כנגד הלב ועל הראש, און משעבד זיין דעם מוח און דעם לב.

וואס אין כוונת התפילין ווערט דאך אויך דערמאנט ענין יציאת מצרים, וואס כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות, בגאולה האמיתית והשלימה בקרוב ממש ע"י משיח צדקנו.

ד. אין די ערשטע שיחות אונטער דעם נאמען ליקוטי דיבורים וואס זיינען אפגעדרוקט געווארן אין אותיות מרובעים, איז דאס געווען די שיחה פון שמע"צ ושמח"ת, וואס איז געזאגט געווארן אין ריגא.

עס האט זיך דעמאלט גערעדט כמה ענינים וואס דער בעל ההילולא - דער שווער דער בעל השמחה - האט דערנאך ארויסגענומען פון דער רשימה און ניט ארייננגעשטעלט, במילא איז געווען א סך מער ענינים בעת מעשה לגבי ווי ער האט דאס ארויסגעגעבן לדפוס,

וויבאלד אבער, כמדובר כמה פעמים, אז ער האט געוואוסט אז ביי מיר איז געבליבן א העתקה, במילא איז א זיכערע זאך אז ער האט משער געווען אז אביסל פריער אדער אביסל שפעטער וועל איך דאס אויך מסתמא איבערגעבן.

איינע פון די ענינים וואס ער האט דעמאלט געזאגט בעת ההתוועדות איז געווען, אז דאס וואס דער טאטע, ד.ה. דער רבי נ"ע, האט מיט מיר גערעדט בשנת תר"פ (וואס דאס איז געווען דער סנת ההסתלקות פון רבי'ן נ"ע, וטנת קבלת הנשיאות דורך דעם בעל ההילולא - דאס איז אלס א מאמר המוסגר), האב איך אויף זיך אנגענומען. נאר וואדען, בתנאי אז עס זאל זיין בחסד וברחמים. און דאס האט מיר געקאסט א סך געזונט, וואס די וועגנט פון דעם צימער זיינען דורכגעווייקט מיט טרערן כדי אויף צו באווארענען שלא לנגוע ושלא לרחק. וואס עד כאן איז דער לשון.

דערפון איז פארשטאנדיק, אז בשעת עס רעדט זיך וועגן תר"פ, און אויך דערפון וואס דער בעל ההילולא האט דאס דעמאלט ארויסגענומען פון די רשימה און האט דאס ניט געלאזט מפרסם זיין ברבים, מיינט מען דאס וועגן די ענינים הנשיאות און אופן הנהגת הנשיאות,

וואס דעמאלט איז אויך פארשטאנדיק דער המשך הדברים, אז בעת ער האט אויסגענומען דעם תנאי, האט ער אנגענומען נאר בתנאי אז ס'זאל זיין בחסד וברחמים, און אפילו נאך דעם וואס ער האט אויסגענומען דעם תנאי - וואס עס איז יוצא געווען די הסכמה פון דעם מוסר הנשיאות, וואס עס איז דאך געווען א הסכמה פון א נשיא בדורו, איז דאך דאס א נתינת כח - איז ער דערנאך מוסיף, אז נאך דעם אלעם האט מען געדארפט אנקומען צו טרערן,

וואס

וואס טרערן באווייזט דאך אז דאס איז אזא ענין וואס דער כלי המוח קען דאס ניט פארנעמען און ארומנעמען און איינהאלטן אין זיך, במילא גייט דאס ארויס אין אן אופן פון טרערן, און ווי עס שטייט דער לשון אין קבלה, אז דמעות נעמט זיך פון מותרי מוחין,

וואס דער ביאור בזה בנפש האדם איז, אז בשעת דער נפש קען ניט פארטראגן דעם צער, אדער אין דעם צד הטוב – די שמחה, גייט דאס ארויס אין אן אופן ווי עס גיסט זיך אריבער, וואס דאס איז דער ענין הדמעות, דמעות של שמחה בענינם און דמעות של תפלה והשתפכות הנפש בענינם.

און ער איז מוסיף נאך מערער, אז עס האט ניט מספיק געווען טרערן סתם, נאר עס האט געדארפט זיין אזא אופן פון טרערן אז דאס האט דורכגענומען די ווענט פון דעם צימער.

דער ביאור בזה איז: ווי מען זעט אין פועל, אז בשעת מען גייט אריין צו איינעם אין א צימער, איז דאך דעמאלט דער זעלבער צימער מקיף אויף זיי ביידן, זיי געפינען זיך אין דעם זעלבן צימער און דעם זעלבן מקיף, וואס דאס איז דאך א אופן של קירוב בין השנים שנמצאים באותו החדר.

וואס דערפון קומט דאך אויך ארויס די הלכה בפועל בהנוגע צו א מנין און בהנוגע צו לייענען ובנוגע לשבת וסוכה ועירוב וכו׳, אז בשעת מען געפינט זיך אין דעם זעלבן חדר, איז דעמאלט איז דאס א ענין וואס איז מערב וכו׳, וואס דאס איז די הלכה.

דער ביאור בזה איז מובן עפ"י המבואר בחסידות, אז עס איז דא דער חילוק פון דעם מקיף פון לבוש צו דעם מקיף פון בית. א לבוש איז לפי מדתו פון יעדערן בדקדוק, במילא באווייזט דאס אויף מקיף הקרוב, דאס איז נאענט צו אים און צוגעפאסט לויט זיין מדה ומדידה והגבלה פון זיינע אברי הגוף, משא"כ בבית.

אמת, דער בית איז אויך אויף אים מקיף, און עס איז ניט א מקיף וואס האט צו אים קיין שייכות ניט, ווארום אדרבה, דורך דערויף ווערט ער באשיצט ממטר ומשמש ומקור וחום, דאס איז אבער אין א אופן פון מקיף הרחוק, און אויף אזוי פיל, אז עס קען זיין לגמרי שלא בערך זיינע מדידות והגבלות, ביז וואנען אז אין דעם זעלבן צימער קענען זיך געפינען כמה אנשים, און עס קענען זיך דארט געפינען אנשים וואס לכאורה זיינען זיי הפכיים.

וואס דעמאלט ווערט דאך דער געשריי נאך א גרעסערער: אז מען מאנט ביי אים ער זאל ארויסהעלפן א צווייטן, אעפ"י וואס ער איז לגמרי שלא בערכו, איז אמת מצד אהבת ישראל דארף ער דאס טאן, כאטש אז מצד ואהבת לרעך כמוך איז ער ניט רעך בתורה ומצות און ניט עמיתך – עס שטעהט בתומ"צ, דאך, איז ווי דער אלטער רבי איז מאריך אין פרק לב שבתניא, אז אעפי"כ דארף ער דאס טאן, ולא הפסיד וכו׳, מיט די גאנצע אריכות הביאור בזה,

בשעת אבער מען מאנט ביי אים אז ער זאל אים אריינעמען צו זיך אין צימער און אס דעם מקיף וואס ער האט אויף זיך, וואס פון אט דעם מקיף ווערט זיין שלימות שנקרא אדם, און ווי חסידות ברענגט אראפ דעם מאמר הגמרא אין יבמות מיטן מש״ל, אז מי שאין לו בית אינו אדם, (דארט שטייט אן אנדער גרסא, חסידות ברענגט אבער אראפ די גרסא מי שאין לו בית אינו אדם),

גיט אים

גיט אים דאך דער בית זיין שלימות אז ער ווערט אנגערופן בשם אדם, און מען זאגט אים אז אין דעם זעלבן צימער דארף ער אריינ־נעמען אזא וואס איז לגמרי שלא בערכו, וואס דורך זיין בית וועט דאס פועל זיין אז אויך אין יענעם זאל צוקומען דרגת אדם. און כדי דאס פועל׳ן דארף מען האבן אויף דעם טרערן אז זיי זאלן דורכווייקן די ווענט פון דעם חדר.

ער איז נאך מוסיף אז דאס רעדט זיך ניט וועגן א אידן, וואס דאס איז בערכו, נאר וואדען, וועגן איינעם וואס איז למטה הימנו, איז אט דאס איז געווען דער ענין הדמעות אויף צו באווארענען שלא לנגוע.

לכאורה, ווי איז שייך בכלל דער ענין פון לנגוע, עס איז דאך "גם ענוש לצדיק לא טוב", אפילו אויף אזא מענטש וואס אים קומט א עונש, איז דאס אויך ניט דער ענין פון א צדיק להעניש וכו׳. איז דאך א סימן אז דאס איז אזא מענטש וואס מען דארף אים אבער יא נוגע זיין, און דא האט מען געדארפט פועל זיין שלא לנגוע.

נאך מערער זאגט ער "נשלא לרחק", אפילו אזא וואס נגיעה וועט אים אויך ניט העלפן, און די איינציקע עצה וואס עס קען זיין איז אז מען זאל אים איינבאנצן מרחק זיין, וואס דעמאלט וועט ער זיך כאפן אז דאס איז עפעס א ענין שלא בערך, איז אפילו אזא אידן איז ניט נאר מען העלפט אים ארויס, נאר מען נעמט אים אריין צו זיך און מען שטעלט ארויף דעם זעלבן מקיף אי אויף זיך און אי אויף יענעם. און וועלכן מקיף – דער מקיף פון וואס ער האט באקומען זיין שלימות שנקרא אדם. און פון אט דעם מקיף גיט ער אויך יענעם און נעמט יענעם אויך אריין אין אט דעם מקיף. וואס עד כאן איז דער ביאור לשון הרב בדרך אפשר.

דא ווערט אבער די שאלה: צוליב וואס האט מען דאס <u>אונז</u> דער־ציילט, וואס דאס איז דאך געזאגט געווארן דעמאלט אין א התועדות פומבית, ברבים ובפרהסיא, וואס בשעת עס איז בפרהסיא איז דאך דאס א ענין וואס מען ווייס אז דאס וועט דערגיין, והראי׳ – עס איז דער־גאנגען ניט נאר בשעת מעשה נאר לאחרי כמה שנים, איז דאך א סימן אז דאס איז נוגע אונז אויף צו וויסן, איז צוליב וואס איז דאס אונז נוגע צו וויסן?

נאר דאס איז: עס איז דאך דא די טענה הידועה, אז בשעת מען מאנט ביי אים אז ער זאל גיין טאן א טובה א צווייטן, טענה׳ט ער אז ער דארף וויסן ווער דער צווייטער איז, ווארום די גמרא זאגט אז יקירי ירושלים פלעגן זיך ניט חתמ׳ענען אויף א שטר כל זמן זיי האבן ניט געוואוסט ווער עס איז דער צווייטער עד. וואס חתמ׳ענען אויף א שטר איז דאך א ענין וואס איז פארבונדן מיט נאמנות.

מיר געפינען אבער נאך מערער, אז יקירי ירושלים לא היו סועדין בסעודה אויב מען האט ניט געוואוסט ווער עס וועט זיצןביים טיש, ביז וואנען מען זאגט אז דער וואס דער אמורא האט מיט אים גערעדט, האט מען אים דערנאך געגעבן געלט אן עדים, ווארום וויבאלד אז מען האט מיט אים גערעדט, איז דאך א סימן אז ער איז א אדם כשר.

איז דאך א סימן אז אין רעדן איז מען געווען אויסגערעכנט און מען האט ניט גערעדט מיט איינעם סיידן מען האט געוואוסט אז דאס איז א מענטש וואס מען קען אים גלויבן בכל הענינים, ביז אויך אין עניני ממון וואס דאס איז חיי נפשו (ער קען מיט געלט קויפן חיי נפשו),

אדער



<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

אדער ווי מען זעט אז ממון איז נוגע בחיי נפשו פון דעם וואס מעמיד עצמו – ער שטעלט זיין לעבן אין געפאר – בוליב ממונו, און ווי דער דין איז בהנוגע לשבת און מחתרת וכמה ענינים.

במילא – זאגט ער – האט ער דאך א ראי' פון תורה, אז וואס הייסט ער וועט גיין אפגעבן זיך מיט א צווייטן, מען דארף דאך פריער וויסן ווער דער צווייטער איז, און ווען ער וועט וויסן דעם מעמד ומצב פון דעם צווייטן, אז ער איז בערכו, דאן וועט ער וויסן צי ער זאל זיך אפגעבן מיט אים בכלל, און אויב זיך טוין יא אפגעבן מיט אים – עד היכן, צי אביסל אדער מערער און צי אין א ענין וואס עס איז נוגע און קען אנרירן זיין אייגענע שלימות.

כדי צו וויסן זיין ווי מען דארף זיך פירן, האט מען אונז מגלה געווען דעם אויבנדערמאנטן ענין, ווארום עס זיינען דאך פאראן "דרכיו אשר הוראנו", וואס אויף דערויף בעט מען דאך – ווי דער לשון האגרת – אז עס זאל זיין דער נלכה באורחותיו, און נאך מערער אין אן אופן פון נצח סלה ועד,

דאס מיינט: ער האט אונז איבערגעגעבן די וועגן וועלכע ער איז אין זיי געגאנגען, דרכיו אשר הוראנו, כדי עס זאל זיין דער ונלכה באורחותיו, וואס איצטער איז דאס א סך לייכטער צו טאן, ווארום מען האט טוין פאר אונז דורכגעטראטן די וועג, און מען סוט דאס מיטן כח המצווה.

דאס דארף מען טאן אויך מיט אזא אידן וואס בשעת מען מאכט וועגן אים א רעכענונג, זעט מען אז אפילו א צדיק דארף אים נוגע זיין, און נאך מערער, אז עס קען זיין אז מען דארף אים גאר מרחק זיין,

אעפי"כ, ניט נאר וואס מען איז אים ניט מרחק, ניט נאר מען איז אים ניט נוגע, נאר מען נעמט אים אריין צו זיך אין צימער און מען גיט אים פון די שלימות וואס ער האט אליין באקומען פון די ווענט, פון דער דירה.

בשעת ער פירט זיך אזוי, דעמאלט פירט ער אויס שליחותו בעלמא דין, ווארום ער גייט – ונלכה – באורחותיו, ובמילא וועט דאס זיין נצח סלה ועד.

די הנהגה באופן הנ"ל מאכט די כלי און גיט א כח אויף מקבל זיין די המשכות השפעות והארות פון דעם שמש, וואס ער איז מאיר לששים ריבוא כוכבים, ווי ער זאגט אין הגה"ק, געבראכט פון תקוני זוהר, אפי' ווען דער שמש איז מתחת לארץ, דאס הייסט כשקיעה השמש,

ווארום באמת איז דער שמש אויך דעמאלט במציאות, עס איז נאר וואס זי געפינט זיך אין אן אנדער מעמד ומצב, בהנוגע למעמדו ומצבו פון דעם מקבל ההארה, וואס במילא זעט זיך ניט דער אור השמש בגילוי, און אויך אפילו דעמאלט איז זי מאיר ניט נאר צו יחידי סגולה, נאר פונקט ווי אין משל איז זי מאיר לששים ריבוא כוכבים, אזוי אויך אין נמשל – מאיר לכל אחד ואחד מישראל, וואס אלע אידן זיינען דאך נכלל אין דעם מספר פון ששים ריבוא. ווי ער זאגט אין תניא אז דאס איז ששים ריבוא נשמות כלליות, און אין זיי איז דא ששים ריבוא ניצוצים, וואס דאס איז דאך כולל כל הנשמות שבישראל.

דאס איז

דאס איז מאיר אויך איצטער בכל אחד ואחד, ובמיוחד אין דעם וואס הוראנו בדרכיו ונלכה באורחותיו און אין אן אופן פון נצח סלה ועד, וואס דעמאלט אין לו הפסק,

און דאס וועט אראפברענגען די גאולה העתידה לבוא, וואס זי איז דאך אויך א גאולה שאין אחרי' גלות, א גאולה שאין לה הפסק, בקרוב ממש ע"י משיח צדקנו.

ז. (צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה באתי לגני).

ח. מען האט דאך גערעדט פריער דאס וואס די גמרא זאגט די דריי סברות אין וואס עס קען זיין תכלית בריאת האדם, וואס תכלית כללות בריאתו איז דאך לעמל, וואס "אדם לעמל יולד", און אין דערויף קען זיין דריי סברות, צי עמל מלאכה, צי עמל שיחה, אדער עמל תורה, און עס בלייבט די מסקנא אז דאס איז עמל תורה.

וויבאלד אבער עס איז א קס"ד אין תורה אויך אויף די אנדערע צוויי, איז דאך דאס אויך, כנ"ל, א חלק פון תורה. איז דערפון פארשטאנ-דיק אז תורה גיט אן אכט און עס איז דא די מציאות אויף פון די אנדערע צוויי, עס איז נאר וואס ניט דאס איז דער עיקר, דער עיקר איז עמל תורה, און די אנדערע זיינען אויך פאראן, ולכל הפחות בדרך טפל. ביז וואנען, כמבואר לעיל בארוכה, אז אין עמל תורה גופא איז דא די דריי חלקים, דער עמל מלאכה, עמל שיחה און עמל תורה.

לויט ווי מען האט גערעדט פריער אין די דריי אופני עמל בתורה גופא, קומט אויס, אז עמל מלאכה שבתורה איז וואס ער לערנט תורה כדי צו וויסן את המעשה אשר יעשון, וואס דאס איז דער גדול לימוד שמביא לידי מעשה, מלאכה המצות, וואס ווי גערעדט פריער איז עמל מלאכה דער ענין המעשה,

דערנאך איז דא דער עמל שיחה שבתורה, וואס דאס איז כפשוטו, אז ער לערנט תורה בדיבור. און דערנאך איז דא דער עמל תורה, וואס דאס איז, ווי דער דין איז דאך, אז תורה מוז מען לערנען מיט הבנה והשגה, וואס דאס איז דער ענין פון מחשבה ועיון.

מען קען אויך זאגן באופן אחר, אז אין עמל תורה גופא, ד.ה. דאס וואס ער לערנט תורה מיט מחשבה ועיון ובהבנה והשגה, איז אויך אין דערויף דא די דריי אופנים פון עמל מלאכה, עמל שיחה ועמל תורה.

עמל מלאכה: בשעת ער לערנט תורה צוליב מלאכה, ד.ה. דער לימוד זיינער איז כדי עס זאל זיין מביא לידי מעשה, קיום המצות, דערצו קען מען צוקומען נאר בשעת ער וועט וויסן קלאר את המעשה אשר יעשון ואלה אשר לא תעשינה.

כדי ער זאל קענען ארויסקריגן די הלכה לאמיתתה דארף דאך זיין א לימוד ביגיעה רבה ובעיון ובמח' ובהבנה והשגה וביראה ופחד, כמבואר בארוכה אין המשך ר"ה רס"ו, וואס דאס איז דער עמל מלאכה ווי ער איז אין עמל (מח' עיון הבנה והשגה) תורה.

דערנאך איז דא ווי עמל שיחה שטייט אין עמל תורה, וואס דאס איז ווי דאס איז פארבונדן מיט עבודת הבורא, עבודה התפלה.

כדי ער זאל קענען האבן אהבה ויראה (וואס דאס איז דאך דער ענין פון עבודת התפלה, ולעבדו בכל לבבכם זוהי עבודת התפלה), מוז דאך

פריער

פריער זיין דער ענין ההתבוננות, און ווי עס פסק'נט אפ דער רמב"ם, אז כיצד יבוא לאהבתו ויראתו - ע"י שיתבונן. וואס דאס איז ווי עס ליגט חכמתו של הבורא אין דער בריאה וכו'.

בכללות איז דאס דער ענין פון פנימיות התורה, וואס דארפן לערנען מען וועגן ענין הספירות והשתלשלות העולמות וכו', וואס דאס איז דער "דע את אלקי אביך" וואס ברענגט צום ועבדהו בלבב שלם, ואפס מקצתו איז פאראן אויך אין נגלה דתורה.

דערפאר איז דאך אויך אין די ערשטע פרקים פון הל' יסודי התורה, וואס דאס איז דאך אויך א חלק פון תושבע"פ, איז ער דארפן מבאר די ענינים, ווארום דאס קומט בהמשך צו וואס ער שרייבט בהתחלת יסודי התורה, אז מען מוז דאס האבן (די התבוננות) כדי צו צוקומען לאהבתו ויראתו. און דערפאר איז ער מבאר די ענינים וואס אין נגלה דתורה - אין נגלה דנגלה - ווערט דאס אנגערופן בשם מעשי מרכבה ומעשי בראשית.

פון דעם אלעם אויבנדערמאנטן קומט ארויס, אז יעדער "אהבתו ויראתו", וואס דאס איז עבודת התפלה און עמל שיחה, פאדערט זיך פריער דער לימוד התורה בעיון וההתבוננות אין די ענינים וואס זיינען מביא את האהבה ואת היראה, וואס דאס איז דער עמל שיחה וואס איז נכלל אין דעם עמל ועיון תורה.

דערנאך איז דא דער עמל תורה ווי דאס איז בפני עצמו, דער ענין וואס אין נגלה ווערט דאס אנגערופן לימוד התורה פון יגדיל תורה ויאדיר, וואס דאס איז - ווי דער פשוט'ער פשט אין גמרא אויף יגדיל תורה ויאדיר - אז אין הלכה וועט דערפון קיין שינוי ניט ארויסקומען.

וע"ד הענין של סימני טהרה אצל דג, וואס די גמרא אין חולין (סו,ב) זאגט דאך, כל שיש לו קשקשת יש לו סנפיר כו'. דערנאך פרעגט די גמרא, מכדי אקשקשת קא סמכינן ליכתוב רחמנא קשקשת ולא ליכתוב סנפיר, פירט אויס די גמרא אז דאס איז צוליב יגדיל תורה ויאדיר,

אפילו אז ער זעט בגלוי מער ניט ווי קשקשת, און אעפי"כ לערנט מען סיי קשקשים און סיי סנפיר, איז די גמרא מסביר אין חולין אז דאס איז כדי עס זאל זיין דער יגדיל תורה, עס זאל צוקומען נאך א לימוד אין תורה, כאטש דאס איז נוגע ניט למעשה און ניט לתפלה, און דאס איז מער ניט ווי א ענין אין ידיעה.

דאס איז דער ענין פון עמל תורה לאמיתתה, ניט צוליב עמל שיחה און ניט צוליב עמל מלאכה, אפילו ווי דער עמל מלאכה שטייט אין תורה גופא, וואס דאס איז דער ענין פון עשי' אמיתית, - נאר עמל תורה בשביל עצמה.

כאטש, ווי פריער גערעדט, זיינען די אלע דריי אופני עמל נכלל אין עמל תורה, אעפי"כ זעט מען דאך אז דער שם הכללי פון די אלע דריי איז עמל <u>תורה</u>. דאס באווייזט אז אפילו ווען מען איז זיך עוסק אין עמל מלאכה, אין קיום המצות, און אפילו מען איז זיך עוסק אין עמל שיחה, עבודת התפלה, עאכו"כ אז מען איז זיך עוסק אין לימוד התורה - מוז זיין די גאנצע מציאות זייער דורכגענומען מיט תורה און עס דארף זיין הנהגתו עפ"י התורה.

דערפאר איז בהנוגע לעבודת התפלה, זאגט מען דאך לא עם הארץ חסיד, וואס חסיד איז דאך א ענין בפשוטו - ער טוט אויך לפנים משורת הדין

<u>הנחת הה' בלתי מוגה</u>

הדין, און אין כללות העבודה איז דאס עבודת התפלה, "איזהו חסיד המתחסד עם קונו – קן דילי׳", און ווי ער איז דאס מבאר אין תניא, וואס בכללות איז דאס אין עבודת התפלה, אויף דערויף זאגט מען אז לא עם הארץ חסיד, עס דארף זיין דורכגענומען מיט תורה.

אזוי איז אויך אין עמל מלאכה, ווי גערעדט פריער, אז ווי קען מען צוקומען לידי מעשה, איז דאס דוקא דורך דעם וואס ער האט פריער לימוד, גדול לימוד שמביא לידי מעשה.

דאס באווייזט אויך אז דער עצם מציאות פון א אידן, ניט גע-קוקט אין וואס ער פארנעמט זיך און ווי ער זאל ניט זיין ווייט – עסקו ומעמדו ומצבו – צי ער איז פון די דרגא ווי ער רעדט אין דעם המשך פון ובבואה (?), א מלא תורה אין דרגא הכי עליונה פון רזין דרזין דתורה, צי נידעריקער פון דעם, רזין אדער גליא דתורה וכו׳, ביז אפילו דער איש הפשוט בתכלית, וואס ער איז ניט מער ווי מרי עובדין טבין און ער איז א פשוט שבפשוטים – איז דער גאנצער מציאות זיינער, דער ענין התורה.

די הוכחה אויף דעם איז, פון דעם וואס ישראל איז א ר"ת– ווי עס זאגט דער ר"מ מפאנו – יש ששים ריבוא אותיות לתורה, וואס בשם ישראל ווערט דאך אנגערופן אויך אזא וואס חטא אויך בחטא חמור ביותר, וואס וועגן אזא חטא רעדט זיך די גמרא אין סנהדרין בשעת דארט שטייט ישראל אעפ"י שחטא ישראל הוא, ולולי החרפה שבדבר איז אין למטה הימנו, און ווי די גמרא רעכנט דארטן אויס די אלע ענינים שעבר עליהם אחאב, און אויף דעם זאגט מען אז אפילו אין אזא מעמד ומצב פון חטא, איז נאך איידער ער האט געטאן תשובה, ווערט ער אויך אנגערופן ישראל.

ובמילא, יש ששים ריבוא אותיות לתורה גייט דאס אויף אלע אידן, ווארום יעדער איד האט א אות אין תורה, און ווי עס איז מבואר דער ענין בזה, אז יעדער איד באקומט זיין היות פון דעם אות אין תורה וואס איז שייך צו אים.

איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז זיין גאנצער חיות, וואס דאס איז זיין גאנצער מציאות, איז דאס תורה, אי וואס בגילוי איז ער מער ניט ווי א מרי עובדין טבין, איז דאס איז א ענין שבגלוי, אבער די מציאות זיינע באמיתית איז א מציאות פון תורה.

כאמור כמה פעמים דארף דאך יעדער איד זיין מרומז אין נגלה, איז דאס וואס די גמרא זאגט אין ברכות, אז בשעת ר"ע האט מקהיל געווען קהילות ברבים און האט געלערנט תורה, האט מען אים געזאגט: היתכן? עס איז דאך א ענין של סכנה. האט ער געבראכט דעם משל אז דאס איז ווי דגים, וואס כל זמן זיי געפינען זיך בים, במקום חיותם, קענען זיי לעבן, משא"כ כשפורשין איז מיד הם מתים. וואס בנמשל איז דאס, אז א איד מיט זיין לימוד התורה איז אין זאך און דאס איז מקום חיותם.

זעט מען דאך, אז נגלה דתורה זאגט בפירוש אז דער חיות פון א אידן איז בדוגמא ווי א דג, וואס ער קען ניט זיין במציאותו סיידן ער געפינט זיך במים, אט אזוי איז דער מציאות פון א אידן קען זיין נאר ווען ער געפינט זיך אין תורה.

עס איז נאר וואס אין דעם גופא איז דא חילוקים אין אופן הגילוי, וע"ד צי דאס איז א דג גדול אדער קטן, וואס שטייט בהעלם והסתר כו׳.

ביז

ביז וואנען ווי עס קומט אראפ - המדובר כמה פעמים - ביז אין א הלכה בפועל, אז רשב"ג אומר כל שבים אינו חוצץ, וואס לדעת רשב"ג איז די הלכה בזה, אז וויבאלד אז זיין מציאות איז א נברא שבים, איז כאטש אפילו אז דאס איז א דג וואס מען שאפט דאס מיט די הענט, און עס איז ניט מים, דאס איז א ענין פון בשר הדג, און ער האט דם הדג און עיר הדג און עור הדג און ראש הדג, אלע פרטים וואס עס איז דא אין דג, איז וויבאלד אז דאס איז א נברא שבים, איז כל שבים אינו חוצץ, דאס איז א מציאות פון מים, במילא קען ער ניט חוצץ זיין.

דערפון איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו אידן שנמשלו לדגים, אז בשעת מען זעט אז א איד גייט ארום, אפילו בחיים חיותו בעלמא דין, איז דאך א סימן אז ער איז חי, און א סימן אז ער געפינט זיך במקום חיותו, ווארום דגים שבים מיד כשפורשין מן הים הרי הם מתים, היינט ווי קען ער זיין חי אויב פירש ממקום חיותו. פון דעם וואס איך זע אז ער לעבט, כפשוטו, איז דאס גופא א הוכחה - צי ער ווייס יא צי ער ווייס ניט, צי ער פילט דאס אדער ער פילט דאס ניט, צי ער וויל דאס אדער דאס איז היפך רצונו - אז ער געפינט זיך בשעת מעשה במקום חיותו. און אפילו אחאב - ווי געקערט פריער - בשעת ער האט עובר געווען אט די אלע ענינים, איז בשעת מעשה ווערט ער אנגערופן בשם ישראל, דערפאר וואס אויך ער האט א אות אין תורה.

עבודת האדם איז דאך אבער אז דאס וואס ער האט באהאלטן זאל ער דאס ארויסברענגען בגילוי, וואס דערפאר זאגט מען אז דאס איז אָן קיין אונטערשייד צי ענינו איז מלאכה, ווי דאס איז במרי עובדין טבין, וואס ווערט אויך אנגערופן בשם מלאכה, ביז אין א דרגא הכי תחתונה, מלאכה כפשוטו, ער איז אזא וואס איז א עם הארץ, שעוסקים בישובו של ארץ, ווי די גמרא זאגט אין שבת,

איז אפילו אויב עבודתו איז עמל מלאכה, אויב נאר ער איז א איד, דארף ער וויסן זיין אז דאס איז א טייל פון עמל תורה, ווארום כדי ער זאל קענען זיך עוסק זיין בישובו של ארץ, דארף ער דאך זיין א פעיל, ער דארף זיין א לעבעדיקע זאך, וויבאלד אז אויב נאר פורש מן הים איז מיד הם מתים, איז א סימן אז ער געפינט זיך בים, וואס דאס איז דער ענין פון תורה.

ועפ"ד זה אויך בהנוגע ענין עמל שיחה, און עד"ז ועאכו"כ בענין עמל תורה. ואדרבה, אין דערויף דארף מען נאך מער באווארענען. בשעת ער הארעוועט אין תורה, וואס ווי געקערט פריער מיינט מען דא ניט די הארעוואניע שקודם לימוד התורה - כדי ער זאל לערנען באימה וביראה וברתת ובזיעה - נאר דא מיינט מען עמל תורה ע"ד ווי די גמרא זאגט אין מגילה - ידעת, ער לערנט מיט הארעוואניע,

וואס בשעת ער הארעוועט, הארעוועה זיך ביי אים די מוחין טבראש, במילא ליגט ער דאך אין דער הבנה והשגה של הסוגיא, און ער דארף אין דעם טאן כאדם העושה בתוך שלו, כביכול, מיט זיין שכל דארף ער הארעווען עד מקום שידו מגעת - ווי דער אלטער רבי פסק'נט אפ אין הלכות ת"ת - און לויט זיין שורש נשמה.

דא דארף מען האבן א ספעציעלע באווארעניש, בשעת ער לייגט תפילין און איז מכוון לשעבד הלב והמוח, דארף מען ניט האבן אויף אזוי פיל די באווארעניש ער זאל ניט מיינען כוחי ועוצם ידי, ווארום זיין ענין בשעת מעשה איז צו משעבד זיין דעם כוחו ועוצם ידו,

דאס איז

דאס איז ע"ד ווי די גמרא זאגט אז וויבאלד אז ער איז זיך עוסק אין מבער זיין דעם חמץ, האט מען ניט מורא אז בשעת מעשה וועט ער עסן, מען האט מורא אויף שפעטער אדער פריער, אבער ניט אויף בעת מעשה.

בשעת ער איז זיך עוסק אין לשעבד המוח והלב, דארף מען ניט באווארענען דעם כוחי ועוצם ידי, בשעת אבער ער איז עמל בתורה, און דארטן זאגט מען אים אן אז עס דארף זיין מיט כוחי ועוצם ידי, מוז ער הארעווען מיט זיין קאפ און מיט זיין שכל. ואדרבה, מען זאגט אים אז דער עילוי וואס עס איז דא ביי א אדם איז דאס במוחין שלו. נאר וואדען, עס דארף נאך זיין ביגיעה, ביז ער וועט דערגרייכן צום כח המשכיל און נאך העכער. און ווי געדעדט פריער, אז דורך יגעת קומט מען צו למצאת - וואו בכח עצמו קען מען ניט דערגרייכן, נאר מען גיט דאס אים אין א אופן של מציאה.

אס דא דארף מען ערשט באווארענען ער זאל קיין טעות ניט האבן און מיינען אז ער האט דאס אויפגעטאן מיט זיין שכל, ואדרבה, דא איז נאך מער נוגע דער וויסן אז דאס איז ניט כוחי ועוצם ידי.

בשעת ער האט א טעות בכח המעשה, האט ער א טעות אויף א גראבע זאך, בשעת ער האט א טעות בכח השכל, האט ער א טעות אין די איידלסטע זאך וואס עס איז דא ביי א מענטשן - דער ענין ההבנה והשגה שלו, דער שכל און מוחין שבראש.

דאס איז בדוגמא ווי דער חילוק, אז א תלמיד חכם שנמצא רבב על בגדו ואפילו בצד אחד, איז דאס היפך החיים, ווי די גמרא זאגט אין שבת, און ביי אן עם הארץ איז דאס א דבר הרגיל. און זיכער איז דאס ניט א היפך פון חיים, עס איז גאר פארקערט, דאס איז זיין הנהגה בחייו.

דאס איז אויך דער טעם וואס הדהור עבירה איז קשה פון דער עבירה אליין, און ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין תניא אז דאס איז פוגם בלבוש המחשבה שלו, וואס דאס איז דער איידלסטער לבוש של נפש האדם,

דערפאר איז בענין השכל מער נוגע ניט א טעות האבן אין דעם כחי ועוצם ידי, ווארום דא האט ער א טעות אין די העכסטע זאך וואס דער אויבערשטער האט אים געשיינקט, אז מכלו קען ער ח"ו מאכן דערפון א כחי ועוצם ידי,

דערפאר דארף מען באווארענען ניט נאר אין עמל מלאכה און אין עמל שיחה אז דאס איז דעם אויבערשטנס א ענין, נאר אדרבה וביתר שאת דארף מען דאס באווארענען אין עמל תורה.

די נקודה התיכונה שבכל ג' ענינים אלו איז, אז א איד דארף וויסן, אז מיט וואס ער פארנעמט זיך ניט און וואס ער טוט ניט, איז ענינו תורה, עס איז נאר וואס מאיזה סיבה שתהי' איז דא אזא וואס חלקו איז אין א אופן פון יששכר, ער איז עוסק בתורה, און ס'איז דא אזא וואס חלקו איז אין א אופן פון זבולון, ער איז תמכא דאורייתא,

אבער אויך תמכין דאורייתא דארפן וויסן אז תורה איז זיין עיקר מציאות און די גאנצע גאנצע וואס ער פארדינט איז דאס מער ניט ווי צוליב דעם אז ער זאל האבן אט דעם טייל פון זיין פרנסה וואס ער גיט אויס אויף לחנך בניו לתורה ומצות און אט דאס וואס ער גיט אויס אויף תמכין דאורייתא, אז דער צווייטער איד זאל זיצן און לערנען מער ווי ער וואלט געלערנט ווען עס וואלט ניט געווען זיין געלט.

כדי



הנחת הת' בלתי מוגה

כדי עס זאל זיין דער קישור שני ענינים אלו, מלאכה און תורה, דארף מען אויך האבן אז ער זאל האבן וויניקסטן אן אחיזה אין תורה מצד עצמו אויך, וואס דערפאר איז דאך אפילו אן ע"ה דארף לערנען ווייניקסטנס א פסוק אחד שחרית און א פסוק אחד ערבית, ווי די גמרא זאגט אין מנחות.

עאכו"כ אז די הנהגות דארפן זיין ביי בני הישיבה און ביי די וואס זיינען אין א ישיבה אין א אופן פון א ראש ישיבה, סיי אין נגלה דתורה אדער א משפיע אין חסידות דתורה, אדער אלס א משגיח אויף די תלמידים, וואס ביי זיי איז דאך ניט ענינים פון תמכא דאורייתא, נאר זיי דארפן זיין תורה אליין.

דארפן זיי וויסן אז כל מציאותם – אט דאס וואס ער עסט און שלאפט און טרינקט און גייט שפאצירן לתכלית הבריאות – אט די אלע זאכן דארפן זיין א ענין של תורה, און ווי גערעדט פריער אז כל שבים אינו חוצץ, אז אפילו די טאלאכץ און דער עור מיטן ראש וזנב פון דעם דג, איז דאס א מציאות פון מים.

די הוראה בפועל פון דעם אלעם איז: מיט וואס מען זאל זיך ניט פארנעמען, הויב נאר ער איז פון די וואס עמדו על הר סיני במ"ת (ווי געלייענט אין דער פרשה וואס מען האט אנגעהויבן צו לייענען צו מנחה, וואס דאס איז די פרשת השבוע,פרשת מתן תורה), איז וויבאלד אז עמדה נשמתו במעמד הר סיני, איז דעמאלט געגעבן געווארן די תורה צו אים בלשון יחיד, די גאנצע תורה מתחילתה ועד סופה, און אויך הוי׳ אלקיך, לשון יחיד,

און עס איז דאך דבר אלקינו יקום לעד, וואס פאר א שינויים עס זאלן ניט זיין, איז אז דער אויבערשטער האט אזוי געזאגט, האט ער דאס אפגעטאן אזוי בפועל. נאר וואדען, ער קען דאס מאכן מרצונו,און קען דאס מאכן בהכרח, און קען דאס מאכן בהעלם, און קען דאס מאכן בגלוי, ער קען דאס מאכן בגלוי מארגן און ער קען דאס מאכן בגלוי היינט, איז ווי דער בעל ההילולא פלעגט אפט חזר׳ן דעם פתגם – א חסיד איז א קלוגער, לייגט ער ניט אפ א גוטע זאך אויף מארגן ווען ער קען איר טאן היינט.

במיוחד איז דאס לתלמידי הישיבה און די ראשי הישיבה און משגיחים און משפיעים פון חסידות, ביז וואנען אז ווי גערעדט פריער, צו אט די אלע וואס עיקר עסקם איז אין עמל מלאכה און עיקר עסקם איז אין עמל שיחה – אויך זייער מציאות איז אלס א חלק פון עמל תורה, נאר דאס איז ווי תורה גופא איז פארבונדן מיט מלאכה, וואס דאס איז מעשה המצות, און דערנאך קומט דאס אראפ אין א אופן הנהגה שבין אדם לחבירו, כמדובר לעיל, און אויך אין עבודת התפלה.

דערפאר איז דאך אויך, ווי אלקים עשה את האדם ישר און ווי די הנהגה איז ביי בני ישראל, אז לכל לראש הויבט מען אן מיט לערנען תורה אין אן אופן וואס איז ניט פארבונדן מיט מלאכה און ניט פארבונדן מיט שיחה,

א תינוק משעה שיכול לדבר אביו מלמדו תורה צוה לנו משה, וואס דעמאלט איז ער דאך ניט שייכות צו עמל מלאכה, צו קיום המצות; ער איז ניט שייך צו עמל שיחה, צו עבודת התפלה; ער איז ניט שייך צו דער הבנה והשגה פון תורה, ער איז מער ניט ווי שייך צו דעם ווארט תורה,

נאר

נאר עס איז דער ווארט הורה ווי דאס איז אין א אופן וואס צוה לנו משה, וואס דורך משה קיבל תורה מסיני ונתנה, ביז עס דערגייט צו יעדער אידן אין א אופן אז אפילו א איד וואס אם ערשט האט ער אנגע-הויבן רעדן, האט ער אויך א שייכות צו תורה.

דערנאך הויבט מען ביט אים אן דעם ווייטערדיקן לימוד, וואס דעמאלט קומט דאס ארויס אין א אופן פון עמל מלאכה און א אופן פון עמל שיחה, ביז אין א העכערן אופן - אין עמל תורה, און ווי גערעדט פריער אין נגלה דער ענין פון יגדיל תורה ויאדיר, און אין פנימיות ביז אין רזין דרזין דאורייתא.

ובהנוגע לפועל וכמדובר כמה פעמים, וויבאלד אז ער ווייס אז דאס איז זיין גאנצע מציאות, און ער איז זיך אין דערויף מתבונן און וויל זיך ניט אפנארן, מוז דאס האבן א השפעה על הנהגתו היום יומית, אז ווי פארנומען ער זאל ניט זיין, ביז וואנען אז אפילו עפ"י שו"ע קען ער יוצא זיין מיט פרק אחד שחרית און פרק אחד ערבית, איז וויבאלד אז ער ווייס אבער אז דאס איז היותו, איז דאך דאס דער טבע פון יעדער מענטש לשאוף ולהשתוקק אויף לחזק ולהוסיף אין זיין חיים,

במילא וועט ער אפרייסן פון זיין צייט און זיך מתייגע זיין און משתדל זיין צו מוסיף זיין אין לימוד התורה, אפילו ווען עפ"י שו"ע קען ער געפינען א היתר אז ער האט שוין יוצא געווען בלימודו, און ווי געבראכט די אריכות הפרטים בזה אין הלכות תלמוד תורה לרבנו הזקן.

כל האמור קומט אויך בהמשך צו דעם ענין וואס איז דא אין התועדות פון יום ההילולא - אז מען מאכט א מגבית בשם קרן תורה, אויף מחזק זיין אט די וואס לערנען תורה אַן קיין זייטיקע תכליתים, מער ניט ווי לימוד התורה לשם התורה,

וכל הרוצה וועט אויך קענען שרייבן אויף א באזונדער צעטל, צי ביחד עם נדבתו לבו הטהור, שמו ושם אמו, ואזכירו אויפן ציון פון דעם בעל ההילולא.

וכמדובר כמה פעמים, געבן מתוך שמחה וטוב לבב, במילא וועט דאס זיין אין א אופן של הרחבה, און מען איז בטוח "ובחנוני נא בזאת", אז דורך דעם ברענגט מען אריין די ברכה אל ביתכם, ביז אין א אופן עד בלי די, עד שיבלו שפתותיכם מלומר די.

ס. ווי שוין גערעדט כמה פעמים, איז ביי מאור ניט שייכות זאגן השתלשלות, ועי"ד ווי עס איז ניט שייכות זאגן קיין השתלשלות אין א ענין וואס ער איז א עצם. השתלשלות איז שייכות זאגן מער ניט ווי ביי הארה און ביי אור ושם וכו'.

דערפון איז דאך אויך פארשטאנדיק, אז ביי נשיאים ובפרט ביי נשיאי חב"ד, וואס זיי זיינען דאך מאורות, וכידוע דער לשון פון בעל ההילולא בנוגע צו ח"י אלול, אז דאס איז דער יום הולדת של "שני המאו-רות הגדולים", במילא איז דאך לכאורה ניט שייך זאגן אין דעם השתלשלות און אויך ניט שינויים וכו'.

אבער אעפ"כ, ווי דאס קומט אראפ בהנוגע צו די מקבלים, איז דאך דא שינויים באופן הגילוי, וואס דערפאר איז דאך אויך ווי עס רעדט זיך

זיך אמאל ווי דער חילוק איז אין ספירות, אז דער אלטער רבי איז געווען ווי ספירת החכמה, און דער מיטעלער רבי בהתרחבות ווי ספירת הבינה, און אזוי ווייטער ביז דעם נשיא דורנו.

ועד"ז אויך קומט דאך אויך ארויס דער חילוק בהנוגע למקבלים, וואס דערפאר איז ווי דאס איז באופן הגילוי זיינען דא שינויים, סיי אין די מאמרי חסידות ווי דאס איז ביי דעם אלטן רבי'ן, ביי דעם מיטעלן רבי'ן, ביי דעם צמח צדק, און דערנאך ביז דעם רבי'ן דער שווער, און אזוי איז אויך בהנוגע לעבודתם ובעסקנותם.

בכללות קען מען דאס אויך מקשר זיין עם המדובר לעיל: עס איז דאך אדם לעמל יולד, און מען זאגט נאך אויף דעם כל אדם, איז דאך דאס שייך צו זאגן אויף יעדער אידן, ביז א גבוה גבוה ביותר,

און אין דערויף זיינען אויך דא די דריי ענינים, וע"ד ווי מען זאגט אויף ספירות - ווי געבראכט בכמה מקומות פון ספר הפרדס - אז אין יעדער ספירה איז דא ווי זי איז מצד עצמה און עס איז דא ווי זי איז מקבל ממה שלמעלה הימנה, און דערנאך איז דא ווי זי איז משפיע למה שלמטה הימנה,

וכמדובר כמה פעמים, אז יעדער ענין געפינט מען אויך אין מגלה, איז דאס וואס דער רמב"ם שרייבט אין הלכות יסודי התורה, בנוגע צו ידיעת המלאכים וידיעת הגלגלים, אז עס איז דא ווי זיי זיינען יודע עצמם און יודע דעם בורא אותם, און דערנאך זיינען זיי אויך משפיע במה שלמטה מהם.

אזוי איז אויך בנוגע למאור: אעפ"י וואס ער איז א מאור, איז דאך אבער אויך דא דער ענין וואס פון אים זיינען דא מקבלים, וואס זיי ווערן אנגערופן בשם חסידים,

אין דעם איז אויך דא אט די דריי ענינים, דער ענין ווי דאס איז עמל תורה, וואס דאס איז ווי ער נעמט און איז מקבל פון אורייתא וקוב"ה כולא חד; דערנאך איז דא ווי דאס איז ענינו, וואס דאס איז דער ענין פון עמל שיחה; און דערנאך איז דא ווי דאס איז עמל מלאכה, וואס ער הארעוועט מיטן מקבל,

וכמדובר כמה פעמים, אז אויפטאן מיט א מקבל קען דאס נים ווערן געטאן בדרך ממילא, בדוגמא ווי א שמש איז מאיר אור בדרך ממילא, וואס דערנאך ווערט פון די הארה דער ענין פון ממגד תבואות שמש,

אז א משפיע אמיתי זאל אויפטאן מיט א מקבל אמיתי, מוז דאס זיין אין א אופן אז דאס זאל מאכן א שינוי אין דעם משפיע, ואפילו קודם התחלת ההשפעה, ווי ער איז זיך דערצו מכין, איז שוין דא ביי אים א שינוי, דערנאך איז דא דער שינוי בשעת ההשפעה, און דערנאך איז דא דער שינוי שלאחרי ההשפעה.

און כאטש דאס איז מאור, דאך איז דא די דריי ענינים, דער עמל תורה - מקבל מלמעלה, עמל שיחה - ווי ער איז מצ"ע, און עמל מלאכה - משפיע לשלמטה הימנו, בדוגמא פון די דריי ענינים פון עמל תורה און עמל שיחה און עמל מלאכה ווי זיי זיינען כפשוטם. וואָרום אפילו בהנוגע להקב"ה כביכול, וואס מען זאגט דאך אז הוא ודעתו אחד והוא המדע והוא היודע והוא הידוע, איז אה"נ מען זאגט טאקע אז דאס איז אלץ באחדות, און א אחדות פשוטה, אבער אין די אחדות פשוטה ווערט דאס אנגערופן מצד המקבל דריי ענינים, מדע און יודע און ידוע.

אזוי



הנחת הת' בלתי מוגה

אזוי אויך בשעת מען איז זיך מתבונן אין די מאמרי חסידות, ביז אין די פעולות בהנוגע עסקנות ציבורית, געפינט מען דאך ביי כל נשיא בדורו די נקודה וענין וואס ביי אים איז מער בולט און מערער מודגש.

אעפ"י וואס יעדער נשיא ווערט דאך אנגערופן ממלא מקומו פון דעם פריערדיקן נשיא, וואס דאס איז דאך א תואר עפ"י התורה, איז דאך פארשטאנדיק אז דאס איז מדוייק, וואס ממלא איז דאך דער טייטש אז ער פילט אויס דעם גאנצן ארט, אז עס בלייבט ניט קיין איין נקודה פנוי׳, איז דאך פארשטאנדיק אז ביי אים איז דא כל הענינים שפעל דער נשיא וואס איז געווען לפניו.

ביחד עם זה איז דאך אבער דא אט דער ענין אין וועלכן ביי אים איז דער ענין פון זהיר טפי, ע"ד ווי מען זאגט אז ביי יעדער אידן דארף זיין א מצוה דהוה זהיר בה טפי.

ביי דעם בעל ההילולא זעט מען צוויי ענינים וואס בגילוי איז דאס ניט געווען ביי די שלפניו. און דאס איז: דאס וואס עס איז געווען דער ענין וגילוי פון רזי תורה, פנימיות התורה, תורת החסידות, ניט אין דעם לשון וואס איז די שפראך וועלכע אידן רעדן, צי דאס איז אידיש, ווי דער אלטער רבי שרייבט אין אגרת הקדש, אז דער בעש"ט האט געזאגט אין אידיש, און דערנאך האט ער געשריבן אויף לשון קודש, האט מען דאס מעתיק געווען, וואס אט אזוי איז דאך די נשיאים שלאחרי זה, ביז נשיא דורנו דער בעל ההילולא, האט דאך יעדערער געזאגט די מאמרים בלע"ז, ד.ה. אין אידיש,

דערנאך איז געווען ווי מען פלעגט דאס ארויסגעבן, אדער לכת-חילה מאמרים וואס מען האט זיי ניט געזאגט,און געשריבן, איז רובם ככולם זיינען זיי געווען בלשון הקודש, וואס דאס זיינען די צוויי לשונות וואס אידן זיינען זיך אין זיי משתמש, וואס דער עיקר הלשון איז דאך לשון הקודש,

מצד דערויף וואס עס איז דאך דא די הגדרה - ווי ער איז מאריך בארוכה אין דעם מכתב הידוע - וואס בשעת עס איז ארויס דער ענין פון לשה"ק, האט דער רבי נ"ע געהייסן צוזאמענשטעלן א בריוו, אויך עפ"י נגלה, וואס דארט איז ער מאריך צוזאמענגעקליבן פון פוסקים וראשונים ואחרונים די הגבלות און הגדרות, אויף וואס מען מעג זיך משתמש זיין בלשה"ק, (וואס דער בריוו איז דאך דא).

ובפרט נאך אז מען האט געוואלט אז עס זאלן צוקומען נאך, "מה מים יורדים ממקום גבוה למקום נמוך", האט מען אזוי אויך געוואלט אין תורת החסידות. ואדרבה, אויב עס איז גבוה גבוה יותר, וויל מען דאך אז עס זאל אנקומען צו מטה מטה יותר, דערפאר האט מען גערעדט בלשון עמא דבר, אין לשון פון אידיש. וע"ד ווי בזמן הגמרא האט מען געלערנט בלשון הגמרא, ניט בלשון הקודש, אעפ"י וואס דער לשון המשנה, וועלכע די גמרא האט מפרש געווען און מבאר געווען איז געווען דער לשון המשנה גאר אין גאנצן אן אנדער לשון ווי דער לשון הגמרא.

דער חידוש וואס עס איז צוגעקומען פון דעם בעל ההילולא איז, אז ער האט געהייסן מעתיק זיין די ענינים פון חסידות, און אויך מאמרי חסידות, ועאכו"כ שיחות, ארום חסידות - מעתיק זיין אויך אויפן לשון המדינה, אויסער אידיש און לה"ק, וואס דאס האט זיך נאך אנגעהויבן ווען

ער

ער איז נאך געווען אין ריגא, און דערנאך ווען ער איז ארויס קיין פולין און דערנאך ביתר שאת וביתר עז, פאר די יארן וואס ער איז געווען אין ארצות הברית.

א צווייטע נקודה וואס מען געפינט א חידוש: אעפ"י וואס עס איז דא מאמרים פון הסידות וואס זיינען געשריבן געווארן אין אידיש, פון צמח צדק, אין דעם מזמור שיר ליום השבת, וואט עס איז קרוב לודאי אז דאס איז פון דעם מיטעלן רבי׳ן, ביז וואנען עס איז דא אויך בריוו פון דעם אלטן רבי׳ן וואס זיי זיינען געשריבן אין אידיש, וואס אין זיי איז דא עניני עבודה און ענינים פון תורת החסידות,

איז דאך דאס געשריבן געווארן אין אידיש, אבער בגלוי האט מען דאך מכוון געווען צו זכרים, וואס זיי זיינען מחוייב בלימוד התורה, תורה מצ"ע, צי דאס איז געווען דער מאמר מחיתי און דער מאמר שמע ישראל וואס איז געזאגט געווארן צו די סאלדאטן פון קורקשטאט, אדער ווי דער בריף פון דעם אלטן רבי׳ן וואס עס איז געווען געשריבן צו א דאקטאר, ווי דער בריף איז שוין אפגעדרוקט בכמה מקומות.

דער ענין בגלוי ובפירוש ובמיוחד ובהדגשה, אז מען זאל לכתחילה שרייבן אין א לשון של אידיש כדי דאס זאל אנקומען צו נשי ובנות ישראל, איז אט דאס זעט מען ערשט ביי דעם רבי׳ן דעם בעל ההילולא, וואס זייענדיק אין ריגא האט ער ניט נאר גערעדט פאר נשים און דערנאך געהייסן דאס אפדרוקן - דאס איז די שיחה הידועה בהנוגע לבנין המשכן וואס דארט איז געווען "ויבואו הנשים על האנשים", אז זיי האבן געגעבן מער ווי די אנשים, ובהכמת לב טוו, און זיי האבן געגעבן ברצון טוב וכו׳, מיט די גאנצע אריכות השיחה בדבר - איז ווי ער האט דערנאך געשריבן במכתבו הידוע, אז ער גיט דאס ארויס אין אידיש, דערפאר וואס ער וויל אז דאס זאלן לערנען און אין דערויף זאלן זיך עוסק זיין נשי ובנות ישראל.

וואס דאס גופא איז א הוכחה אז איצטער איז דער זמן אויף די עבודה חדשה וואס עס איז צוגעקומען. וואס דאס איז אויך אזא חידוש וואס נאמר למשה מסיני, ועד"ד ווי מען זאגט אז כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש און תורה רופט דאס אן לחדש, אז דאס איז זיינער א חידוש, אבער ווען איז דאס א חידוש פון א תלמיד ותיק, איז דאס אויב דאס איז נאמר למשה מסיני.

ועד"ז אויך אין דעם חידוש, איז דאס א חידוש וואס נאמר למשה מסיני, און גלייך בהתחלה פון מתן תורה. וואס די הקדמה והכנה למ"ת איז געווען - ווי מען לייענט דאס אין פרשת יתרו - אז פריער "כה תאמר לבית יעקב - אלו הנשים", און ערשט דערנאך "ותגיד לבני ישראל - אלו האנשים",

ניט נאר האט מען אויך זיי מצרף געווען אין מעמד הר סיני, נאר אדרבה, עס האט זיך גאר אנגעהויבן די הכנה פריער לבית יעקב אלו הנשים, און ערשט דערנאך ותגיד לבני ישראל, ואדרבה, ביי זיי איז דאס געזאגט געווארן מיט מער קירוב "כה תאמר", לשון רכה, בהנוגע לבני ישראל איז "תגיד", דברים קשים כגידים, ווי ער זאגט אין מכילתא און רש"י ברענגט דאס אראפ במקצתו.

וואס דערפון וואס רש"י ברענגט דאס אראפ איז דאך די הוכחה אז דאס איז פשוטם של ענינים, פשוטו של מקרא.

דאס איז

דאס איז דאך אויך פון די טעמים וואס מען האט געזוכט אז אויך במבצע תפלין זאלן די נשים האבן א השתתפות בזה. ואדרבה, מצד הטעם איז גאר זייער השתתפות א גרעסערע ווי השתתפות האנשים. וכמדובר כמה פעמים, אז בשעת מען איז מנדב א פאר תפלין, בשעת מען לייגט מיט יענעם תפלין, דעמאלט ווערט דאך א שאלה: עס קען זיין אז ער האט אין דערויף א פני'; ווער ווייס צי דער זוג תפלין זיינען מהודרים וכו',

ואעפ"י וואס עפ"י תורה איז מען ניט מחוייב חושד זיין לזה, וויבאלד ער האט זיי בודק געווען אמאל, און בפרט נאך ווי תפלין אלו של בהרחבה, און תפלין אלו של בית אבא, ביז פון די עצמות פון יחזקאל, ? איז דאך א סימן אז אין פרוקענעם דין איז ניטא קיין חיוב אויף בודק זיין, מען פארלאזט זיך אויף די חזקה - אבער מידי חשש לא יצא, עס איז מער ניט אז וויבאלד עפ"י תורה איז דאס תפלין כשרים און ער איז ניט שולדיק, האט ער געטאן די מצוה.

דאס איז אבער אלץ אין דעם אופן פון מבצע תפלין וואס טוען אנשים. דער אופן פון מבצע תפלין וואס טוען נשים, וואס זיי גיבן די געלט אויף דעם, איז אויף די געלט זיכער ניטא קיין חששות - סיידן דאס איז געפאלשטע געלט... - וויבאלד אבער אז זיכער גיבן זיי ריידעלע געלט וואס עס קען זיין עובר לסוחר, איז במילא מצדם איז עס כשר'ע געלט, במילא קען מען קויפן כשר'ע תפלין און לייגן אין א כשר'ן אופן.

און ווי געהערט פריער בהנוגע צו תגיד לבני ישראל, אז דאס זיינען געווען דברים קשים כגידים, דערפאר וואס מען דארף באווארענען, משא"כ ביי נשים וואס מען דארף ניט אנקומען צו די אלע באווארענישן,

אט דאס איז דער ביאור הענין און דער אויפטו ווי דאס איז עפ"י נגלה - פארוואס איז תגיד (קשה) לבני ישראל און ותאמר (רכה) לבית יעקב, ווארום ביי אנשים, וואס זיי זיינען מחוייב אין לימוד התורה מצ"ע, דארף זיין דברים קשים כגידים, עס זאלן זיך ניט אריינכאפן קיין פניות, און אפילו ניט קיין פניות וואס ער לערנט על מנת לקבל שכר בעולם הבא.

דער ענין פון לימוד התורה ביי נשים איז, לדעת את המעשה אשר יעשון, כדי מען זאל וויסן ווי זיך אויפפירן, ווי דער אלטער רבי איז מבאר בארוכה אין הלכות ת"ת, גלייך אין דעם ערשטן פרק,

במילא איז ביי נשים קיין נפק"מ ניט צי עס איז יא מיט א פני' צי ניט מיט א פני', וויבאלד אז זי וועט וויסן דעם דין איז במילא אפילו אז זי האט א פני', פונדעסטוועגן האט זיך דער גאנצער ענין אפגעטאן בשלימותו, וואס דערפאר איז דארט ניט נוגע דער "ותגיד", דברים קשים כגידים,

ווארום אפילו וועז זי וועט אריין ווארפן א פני', איז דער-ווייל וועט זי דאך לערנען ווי מען דארף זאלצן פלייש, וועט זי וויסן ווי מען דארף זאלצן פלייש, און אט דאס איז די כוונה און דאס איז דער גאנצער תכלית.

בשעת דער יצה"ר ווייס אז ער וועט סיווי גארניט אויפטאן מיט אריינווארפן א פני', דעמאלט ליגט עד ניט אין דעם, ובמילא בלייבט דאס אן א פני', וע"ד ווי מען זאגט אז גדול המצווה ועושה משאינו מצווה ועושה, איז דאך איינער פון די טעמים בזה, אז וויבאלד דער יצה"ר ווייס

אז ער



הנחת הת' בלתי מוגה

אז ער איז מצווה, במילא לייגט ער זיך מער אריין, האט מען א שטארקערע מלחמה. אז ער ווייס אבער אז איננו מצווה, איז מהיכי תיתי, אדער ער וועט יא ארויפפירן אדער ער וועט אים ניט ארויפפירן.

ועד"ז איז אויך אזוי דער ענין בנוגע לנסים, וויבאלד אז איננו מצווה אז עס זאל זיין אן א פני', ווארום אפילו מיט א פני', וויבאלד דער תכלית איז אויף לידע את המעשה, און דאס פירט זיך אויס כנ"ל, במילא לייגט זיך דער יצה"ר דארטן לכתחילה ניט אריין, במילא איז ביי זיי אן פניות.

דאס איז אויך די פעולה בדורינו זה, און ווי גערעדט פריער, אז מען האט פאר זיי ארויסגעגעבן במיוחד שיחות און דערנאך אויך מאמרים בשפה המובנת להם, ביז וואנען אז עס איז אויך ארויס אין שפת כל עם ומדינה אין מדינות אחרות.

אט דאס איז אויך די שמחה גדולה ביותר, און נאך א הוכחה נוספת, אז עס איז די עצם אייט פון הפצת המעיינות חוצה, וואס דאס ברענגט אראפ משיח'ן בפועל. דאס איז וואס מען האט געבראכט בעשירי בשבט די איבערזעצונג פון תניא אויף פראנצויזיש, און ימים לפני זה האט מען צוגעשיקט די איבערזעצונג פון תניא אויף איטאליעניש, וקודם לזה איז דאך אויך געווען די איבערזעצונג פון תניא אויף ענגליש, וואס איצטער ווערט נגמר די איבערזעצונג אויך פון דעם פערטן און פינפטן חלק תניא אויף ענגליש - וואס דאס איז דאך ממשיך די תנועה, די הנהגה, פון דעם בעל ההילולא, וואס ער האט אנגעהויבן איבערזעצן אויף שפת המדינות, ביז וואנען עס האט דערגרייכט אויך צו תורה שבכתב פון חסידות, וואס דאס איז ספר התניא, אז נוסף לזה וואס עס איז דא אויף לשה"ק, ווי מלכתחילה געשריבן, און דערנאך אויך אין אידיש און דערנאך אויך אין ענגליש, וואס דארט איז דאך וואו דער נשיא דורינו איז געווען עשר שנים בחיים חיותו בעלמא דין, און עשר שנים שבסיום וחותם שבהם, איז דערנאך איז דאס אויך נתפשט געווארן אין מדינות שמעבר לים בשפה אחרת, ווי גערעדט פריער.

ובהמשך להאמור לעיל, איז דאס אויך בנוגע צו עבודת הנשים, אז וויבאלד אז מען גיט זיי א כח מיוחד וזכות מיוחדת, ואדרבה זיי האבן ווייניקער צרות פון יצר הרע, דוקא מצד דעם וואס ביי זיי איז דער אופן לימוד התורה באופן אחר ולתכלית מיוחדת, דערפאר ערווארט מען פון זיי, און זיי וועלן זיכער טאן און אויפטאן ביתר שאת וביתר עז במבצע תפלין, ומצוה גוררת מצוה, בכל הענינים התלויים בהן, כולל אויך די השפעה אויפן מאן און אויף די קינדער, ביז וואנען אויך השפעה אויפן ברודער און אפילו אויף די עלטערן,

ובפרט אין עקבתא דמשיחא, וואס דעמאלס איז דאך בת קמה באמה וכלה בחמותה ונערים פני זקנים ילבינו, וואס אין דעם איז דאך אויך דא דער צד הטוב שבזה, אז אויב אפילו די מוטער אדער די שוויגער פעלט נאך עפעס אין הנהגה פון ירא"ש, דערשרעקט זי זיך ניט דערפאר, וקמה באמה וקמה בחמותה, אז זי ווערט פרומער פון דער מוטער און דער שוויגער, ובדרכי נועם ובאופן של כבוד של כיבוד אם והמית, און דאס פועל'ט אויך אויף דער מוטער און אויף דער שוויגער, אז זיי זאלן אויך ווערן אזוי.

דורך דערויף שטעלט מען אויף, ע"ד ווי עס איז געווען ביי יציאת מצרים, דער צבאות ה' וואס זיי גייען ארויס על צבאותם ביד רמה, וואס דאס שטעלן אויף די נשים אדקניות שבדבר הזה.

און

הנחת הת' בלתי מוגה

און האט דא איז דא א דבר פלא און א חידוש אין די רש"י פון פרשת בשלח, וואס רש"י זאגט אז צדקניות שבאותו הדור זיינען געווען בטוחים אין גאולתם של ישראל ממצרים, און דערפאר האבן זיי אנגעגרייט די כלי זמר, וואס דערפאר איז ותצאנה אחרי מרים בתופים ובמחולות.

דער פלא וחידוש שבדבר איז, אז דער לשון אין פסוק איז, ותצאינה כל הנשים, און אויף דעם זאגט רש"י אז צדקניות שבדור זיינען געווען בטוחים. וואס דא זעט מען אז אין פשוטו של מקרא, איז יעדער פרוי, אפילו שלומית בת דברי שפירסמה הכתוב, געווען א צדקנית, ווי רש"י טייטשט אפ כל הנשים, אז יעדערער פון זיי איז געווען א צדקנית.

מען האט דאך די הבטחה אז כימי צאתך וגו׳, ואדרבה, מה-דאך אז דעמאלט איז געווען לפני מתן תורה, זיינען אלע פרויען אן קיין אויסנאם געווען אין א אופן של צדקניות, און געווען בטוח בהגאולה ניט קוקנדיק אויף קושי השעבוד, ביי זיי איז געווען א דבר בטוח אז מען וועט ארויסגיין בגאולה שלימה, וואָרום מען האט דאך געוואוסט אז די גאולה איז אין א אופן פון ואחרי כן יצאו ברכוש גדול, און ווי משה האט מגלה געווען לא תשאר פרסה ובנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנו-תינו,

עאכו"כ לאחרי מתן תורה ובדרא דעקבתא דמשיחא, וואס ווי עס שטייט אין קבלה, און ווי חסידות ברענגט דאס אראפ אין מקומות ספורים, אז דער דור דעקבתא דמשיחא איז דאס בדוגמא ווי דרא דרבי שמעון בן יוחאי, דערפאר וואס דעמאלט ווערט נתגלה תורתו של רשב"י, וואס רשב"י איז א ניצוץ פון משה רבינו, כמבואר בכמה מקומות, און אויך זיין גאנצער דרא איז דאס בדוגמא פון דרא דמשה רבינו.

דערפאר איז דאך אויך כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות, דערפאר וואס דאס איז דער דור הולך ודור בא, דער זעלבער דור וואס הולך, איז ער בא, ובפרט  בהנוגע צו דרא דעקבתא דמשיחא מיטן דור ווי עס איז געווען פון יוצאי מצרים,

אז בקרוב ממש זאל זיין דער יצאו ברכוש גדול, און ווי עס שטייט אין דער פרשה, אין א אופן פון יד רמה,

דערנאך וועט מען גיין - אין פרשת יתרו - צו לימוד תורתו של משיח, וואס ווי ער זאגט אין מדרש קהלת, אז כל התורה פון עוה"ז איז הבל הוא לגבי תורתו של משיח,

און גיין בשמחה ובטוב לבב, דערפאר וואס עס וועט זיין דער ישקני מנשיקות פיהו, דורך די הכנה פון יפוצו המעינות חוצה אין דעם סיום פון זמן הגלות, וואס וועט זיין בקרוב ממש, ווי דער לשון הרמב"ם אין הלכות תשובה - מיד הן נגאלים, ע"י משיח צדקנו, וואס ער וועט דאך זיין א רבי א רב ונשיא, וילמד תורה את כל העם כולו.

י.   עס איז דא נאך א נקודת חידוש, וואס דאס איז אויך אויפגעטאן געווארן דורך דעם בעל ההילולא, וואס אעפ"י אז די ענינים וואס זיי-נען פארבונדן מיט ישוב ארץ ישראל, האט זיך דאך דאס אנגעהויבן פון דעם אלטן רבי׳ן אן און נאך פריער, בהנוגע צו דעם בעש"ט, איז דאך ר׳ גרשון קיטעווער געפארן אהינצו, דער בעש"ט האט אויך געוואלט פארן, און האט זיך אומגעקערט פון מיטן וועג.

בהנוגע לפועל אבער, האט זיך אנגעהויבן פון אלטן רבי׳ן דער ענין פון די כוללים, וואס ער האט געשיקט אהינצו די סכומים עצומים, ביז

ביז וואנען אויף וויפל דאס איז געווען פארבונדן מיט עמלו אשר עמלה נפשו, זעט מען דאך דערפון, וואס דאס איז געווען איינע פון די טעמים בגילוי, וואס מען האט אים געשטעלט אין א אופן של סכנת נפשות.

דאס וואס עס איז אזוי געווען למטה, איז דאך דאס דערפאר וואס דאס איז אזוי למעלה, איז דאך דאס א הוכחה אז דער ענין הכולל חב"ד, דער כולל צו וזעמען ער האט געשיקט דעמאלט די געלט אין א"י, איז דאס א ענין וואס איז פארבונדן מיט חיי נפשו, מיט עמל אשר עמלה נפשו בחייו.

דעמאלט איז דאך דאס אבער געווען אין ארץ ישראל, ווי אין ארץ איז דער ענין פון עמל תורה, דער ענין פון לימוד התורה,

וואס עד"ז איז דאך אויך געווען ביי דעם מיטעלן רבי'ן, אז אעפ"י וואס מען האט געקויפט א נחלה אין חברון, איז דאך אבער אויך דאס געווען אויף א ענין פון לימוד התורה און עבודת התפלה, ועד"ז די נשיאים שלאחריו, ביז דעם שווערס פאטער, דער רבי נ"ע, איז דאך אויך געווען דער ענין פון די מגרשים און בנינים וכו', דאס איז אבער אלץ געווען פארבונדן טאקע מיט ארץ הקודש, אבער מער ניט ווי אין תורה ותפלה ווי אין ארץ ישראל, וואס בתור טפל לזה דארף מען במילא האבן א דירה, און ענינים וואס זיינען שייכות צו א דירה.

דער ענין אז עס זאל זיין אין ארץ ישראל ע"ד ווי עס וועט זיין לאחרי ביאת משיח בגילוי, וואס דעמאלט וועט דאך זיין דער ענין פון ורעו צאנם, און דער ענין פון עבודת אדמה בכל ארץ ישראל, ווי ער זאגט אין ישעי' אז דעמאלט וועט זיין א עגלה אחת, מיט די גאנצע פרטים שבזה, ביז וואנען אז ונגש חורש בקוצר (עמוס ט'), אז ביום שזורעים איז דעמאלט וועט מען אויך קוצר זיין, איז די התחלה אויף דעם האט שוין געמאכט דער בעל ההילולא דורך דעם ענין פון כפר חב"ד, וואס דאס איז דאך געווען עפ"י ציוויו והוראתו.

ומלכתחילה זיינען געשיקט געווארן אהינצו ניט דוקא אנשים זקנים און ניט דוקא אזוינע וואס זיינען תלמידי ישיבה, נאר געשיקט אהינצו משפחות שלימות בנערנו ובזקננו ובבננו ובבנותנו, אויף מייסד זיין דארט א כפר,

דאס ווערט אנגערופן בשם כפר, אעפ"י אז בעצם איז דאס דער עיר הבירה ועיר המרכז, אז דארטן זאל זיין חורש וזורע ובכל ל"ט מלאכות כפשוטם בגשמיות, אבער ניט סתם טאן די מלאכות, נאר טאן דאס אין ארץ הקודש, ארץ אשר עיני ה' אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה.

וואס ביז דעמאלט איז מען דאך געווען אין א התנגדות גדולה לכל ענינים כאלו, כידוע ומסופר, ואין כאן המקום להאריך, ובפרט נאך אז דערפון קען ארויס א יניקה לחיצונים.

דאס וואס איז נוגע לפועל איז:

ביי אונז איז דאך דער גופא בתר רישא אזיל, אז פון תש"ח, ווען דער רבי בעל ההילולא האט מייסד געווען דעם כפר חב"ד, איז אויך צוגעקומען א נקודה הדשה אין עסקנות פון נשיאי חב"ד, און דאס איז אז מען זאל פון ארץ ישראל מאכן ארץ הקודש, ניט נאר אין לימוד התורה אין א אופן פון לימוד התורה בא"י, וואס אויף "זהב הארץ ההיא טוב" זאגט ער דאך אויף דערויף אז "אין תורה כתורת ארץ ישראל",

ניט נאר



הנחת הת' בלתי מוגה

ניט נאר אין עבודת התפלה, וואס ווי גע׳פסק׳נט אין שו"ע פון דעם אלטן רבי׳ן באריכה, אז תפלה דארף זיין אין אן אופן פון והתפללו אלי דרך ארצם, וואס דערפון איז דאך פארשטאנדיק וויפל עס קען אויפטאן תפלה אין ארץ ישראל גופא,

און ביז א זמן ידוע איז געווען די הנהגה, ווי ידוע דער פתגם וואס דער אלטער רבי האט געזאגט - בנוגע צו דעם וואס ער איז ניט געפארן אין א"י און ר׳ מענדעלע הארדאקער איז יא געפארן - אז ס׳זיינען דא צדיקים וואס דארפן האבן א"י און פאראן צדיקים וואס דארפן האבן חו"ל,

ווי מען זעה האקע בפועל דאס וואס דער אלטער רבי האט אויפגעטאן בכלל ובהפצת המעיינות בפרט דורך דעם וואס ער איז געבליבן אין חו"ל, און האט אויפגעטאן אז עס זאל קענען זיין גאולת א"י דוקא דורך דערויף וואס ער איז געבליבן אין חו"ל.

דאס איז ניט א הסכם והסכמה אויף ענינים בלתי רצויים, ועאכו"כ אויף ענינים מיט וועלכע מען האט מלחמה געהאלטן און מען האט מלחמה איצטער. עס איז נאר אז אין דעם אופן פון חורש וזורע ווי דאס איז עפ"י שו"ע, און מיט די אלע ענינים, מדידות והגבלות פון תורה בזה - שביעית, תרומות, מעשרות וערלה וכו׳ - כידוע וכמבואר ומפורש, איז אט דאס געווען דער חידוש פון דעם בעל ההילולא ע"י יסוד פון כפר חב"ד, וואס די כוונה אין דערויף איז דאך אויך געווען אז דאס זאל עפענען די טיר, און מיט דער צייט א שער גדול, ביז עס וועט זיין ע"ד ווי פתחו של אולם שאין בו דלתות,

און עס זאל ווערן א אפענע טיר, אז אחריהם יבואו אלע זייערע קרובים וידידים והשייכים אליהם מהמדינה ההיא, אין אן אופן פון טוב וחסד הגלוי, ושמחת עולם על ראשם, און אין אן אופן פון בנערנו ובזקננו בבנינו ובבנותינו ממדינה ההיא, ביז לא תשאר פרסה,

און מיטנעמען אויך דעם רכוש זייערן, און אויפטאן אין ארץ הקודש אז מען זאל זען בגלוי אז דאס איז ארץ אשר עיני ה׳ אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה, אז פונקט ווי מען שטייט אין דער תנועה בראשית השנה, בר"ה, וואס דעמאלט שטייען דאך אלע אידן אין א תנועה פון קבלת עול מלכות שמים, אזוי זאל דאס זיין עד אחרית שנה,

דורך דעם ווערט דער ישוב ארץ ישראל ווי עס דארף זיין עפ"י תורה, וואס דעמאלט ווערט דאס אין א אופן אז עס איז ממשיך ברכת ה׳ בכל המצטרך, ביז אין מטל השמים ומשמני הארץ כפשוטם.

דאס איז אויך די דריטע נקודה אין וואס עס איז צוגעקומען א חידוש, וואס די אלע דריי ענינים באווייזן דאך און זיינען אלע פון די סימנים פון עקבתא דמשיחא, אז אזוי ווי ביי גלות מצרים איז געווען די גאולה בזכות נשים צדקניות שבאותו הדור, עד"ז איז אויך בדור פון עקבתא דמשיחא בסיום זמן הגלות.

בימות המשיח וועט דאך זיין דער ועמדו זרים ורעו צאנם, אז כדי די זרים זאלן וויסן אז עס דארף זיין ורעו צאנם, דארף מען זיי דאך געבן סיי די ענינים וואס ווי זיי זיינען אין תושב"כ, דערנאך אויך די טעמי תורה בנגלה שבתורה און ענינים פון פנימיות התורה.

דערפאר איז דאך געווען דער ענין פון איבערזעצן אויף שפת מדינה ומדינה, כדי עס זאל אנקומען אויך צו די אידן וואס זיי זיינען בבחי׳

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

בבחי׳ זרים, וואס מען קען זיך מיט זיי אנדערש ניט צוזאמענריידן סיידן מען רעדט מיט זיי ווי אמריקה וויל, אדער ווי פראנקרייך וויל, אדער ווי ענגלאנד וויל, און ניט ווי די אידן דארטן ווילן, נאר ווי די גוים דארטן ווילן,

איז דורך דערויף מאכט מען פון די זרים אז זיי זאלן ווערן אויס זרים, און זיי זאלן קענען אויפטאן מיט די זרים כפשוטו – אלו אומות העולם, אז זיי זאלן ווערן "רעו צאנם".

סתם לערנען תורה, תושבע"פ, מיט אומות העולם טאר מען דאך ניט, אבער אויב דורך דעם וואס מען לערנט דאס מיט די וואס זיינען בקירוב צו אומות העולם מצד הסגה שלהם, און עס איז ניטא קיין אנדער וועג צו צוקומען צו זיי סיידן צו ריידן מיט זיי בשפה שלהם, איז דאס ווערט ע"ד ווי דורך דעם בירור פון קליפת נוגה, אז מען נעמט אויך די אלע ניצוצות קדושה וואס זיינען דא, ומעלים אותם, וואס קליפת נוגה איז דאך דא אויך בכאו"א מישראל, ווארום דאס איז דער שרש נה"ב שבכאו"א מישראל,

נעמט מען אויך ארויס די ניצוצות וואס זיי געפינען זיך אין די כוחות שלמטה מזה, ועד"ז וואס דורך די זרים, דעם חלק הזר –נה"ב– וואס עס איז דא ביי אידן, וואס במילא דארף מען מיט אים ריידן אויף ענגליש און אויף פראנצויזיש און אויף איטאליעניש וכו׳,

וועט מען אין אים פועל׳ן דורך ידיעה אין פנימיות התורה, אז ער וועט דערגרייכן צו די הכרה אז "וחסד לאומים חטאת", ווי עס שטייט גלייך אין פרק ראשון פון תניא, אבער נפש השנית בישראל, זי קומט טאקע אלץ שנית, דער נה"ב איז אקדמתא טעניתא, אבער דער נפש השנית וחלק אלוקה פועל׳ט אויף און איז מנצח דעם נפש הבהמית, און דורך דעם אויך אויף דעם חסד לאומים חטאת, אויף איבערמאכן פון די לאומים אז פון זיי זאל ווערן דער ועמדו זרים ורעו צאנם.

וע"י כל ענינים אלו, בפרט אז מען טוט זיי בהרהבה ובשמחה ובטוב לבב, פועל׳ט דאס די הרהבה אין כפר חב"ד וכל עניני׳, וואס דאס וועט פארגרעסערן דעם ציבור וכלי ודרך צווישן זיי און זייערע קרובים וידידים וואס זיינען געבליבן במדינתנו לפנים,

אז ניט קוקנדיק ווי עס זעט אויס בדרך הטבע, זאל בקרוב ממש פון דארטן אנקומען א קהל גדול, וואס דאס זאל זיין די התחלה והכנה קרובה און הקדמה קרובה פון דעם "קהל גדול ישובו הנה", פון כל אחד ואחת מישראל בכל מקום שהם,

ביז אז דער אויבערשטער וועט פראווען די מצות הקהל, כמדובר בשנה שעברה, אויף צוזאמענקלייבן פון ראשיכם שבטיכם ביז חוטב עציך ושואב מימיך, ובהם הרה ויולדת יחדיו, עיור ופסח – קהל גדול ישובו הנה, ושמחת עולם על ראשם, וכספם וזהבם אתם, בקרוב ממש בחסד וברחמים, בטוב הנראה והנגלה ע"י משיח צדקנו.

(צוה לנגן ניגון–הקדמה לניגון ארבע הבבות, ניע זשוריצי כלאפצי, בשעת ניגון זה קם ורקד על מקומו, ואח"כ הושיעה את עמך).

יא. געוויינלאך דארף מען האבן צו יעדער זאך א המשך, איז מסתמא וועט מען מאכן א המשך – א פארברענגען והתועדות (כאמט בלי השתתפותי

<u>הנחת התי׳ בלתי מוגה</u>

בגשם) מארגן ביינאכט, ובפרט אז דאס איז דאך י"ג שבט, וואס דאס האט אויך א שייכות צו יו"ד שבט.

דערפאר זעט מען דאך אז דער מאמר פון יום ההילולא איז ארויסגעגעבן געווארן אויף יו"ד שבט און אויך המשך שלו אין י"ג שבט, וכידוע די טעמים בגלוי, און אויך אז דאס איז דער יום שלישי וכו', מיט די אלע פרטים שבדבר, ווי דאס איז אין נגלה, ובמילא אויך בפנימיות, און וואס דארף מען זוכן ספעציעלע טעמים אויף התועדות.

דאס וועט זיין א התועדות חסידותית אויף מהזק זיין די החלטה פון די התועדות וואס עס איז פארבונדן מיטן יום ההילולא, כדי אז עס זאל צוקומען ביתר שאת וביתר עז, עם כל ההחלטות אין הפצתהמעיינות, פנימיות התורה, און הפצת פון תורה בכלל, נגלה דתורה, און הפצה פון קיום המצות וואס איז כולל די נקודה העיקרית בזמנינו זה, בהנוגע צו מבצע תפילין, ומתוך שמחה וטוב לבב.

דאס אליי איז קובע ברכה לעצמו צו מאכן א התועדות בכל עת ובכל שעה, עאכו"כ אז עס איז א המשך פון די התועדות פון איצטער, וואס דאס וועט דאך זיין למחרתו און גלייך לאחרי פון דעם יום הילולא.

ויהי רצון, אז די אלע החלטות, כמדובר לעיל, זאל דער אויבערשטער מצליח זיין אז די מח' טובה זאל הראפקומען אין א מעשה, וואס דעמאלט איז דער אויבערשטער מצרף די מחשבה טובה מיטן מעשה, ווערט דאך דאס א דבר שלם, און דאס זאל דערנאך אוועקגיין אין א הנהגה על כל השנה כולה בשלימות ומתוך שמחה וטוב לבב, אויף להרבות בלימוד התורה הנגלה והפנימית און הנגלה והחסידות, ולהרבות בקיום המצות בהידור, כולל עבודת התפלה, וואס דאס איז דאך בדוגמת פון חוט השדרה.

דאס וועט זיין ע"י ההוספה והפצה אין עניני תורה ומצות און דאס וועט דורכברעכן בדוגמת ווי מים רבים ברעכן דורך אלע מדידות והגבלות, אויך די מדידות והגבלות פון גלות, און אריינטאנצן אין די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו בקרוב ממש, אמן כן יהי רצון!!

(נתן את המזונות להתועדות, והתחיל לנגן כי בשמחה תצאו).

---

הנחת הת' בלתי מוגה

# משיחת י״א ניסן תשל״ב

א. ס'איז א כלל אז פותחין בברכה, איז די ברכה וואס איז אלע מאל מתאים ווען אידן טרעפן זיך צוזאמען עאכו"כ אין א חודש ווען ס'איז געווען "לקחת לו גוי מקרב גוי", ווען אידען זיינען געבארן געווארען, אלס א פאלק באותות ובמופתים, מיט אזוינע נסים וואס איז קיינמאל ניט געווען עד אז, וואס "הימים האלה נזכרים ונעשים", אז דאס חזר'ט זיך איבער דעם יאר, ועד"ז אין די יארן שלפני זה, און ס'איז ע"ד ווי דעמולט, אז ס'איז אנגעזאגט געווארן די גאולה פון ראש חודש אן, וואס אויף "החדש הזה לכם" זאגען חז"ל אז דאס איז געזאגט געווארן בר"ח ניסן "כזה ראה וקדש", און "דיבורו של הקב"ה חשיב מעשה", האט זיך שוין דעמולט אנגעהויבען די גאולה, ובמיוחד אין דער וואך פון ט"ו ניסן - התחלת פסח, בצאת ישראל ממצרים, איז דאך דעמולט דער זמן נאך מער מוכשר לפתוח בברכה, וואס אן ענין פון א ברכה איז דאך אויף ממשיך זיין כל טוב בטוב הנראה והנגלה, וואס דעמולט ווערט דאס א ברכה וואס דער מקבל נעמט דאס אויף אלס א ברכה.

דערפאר איז אויך א זמן הכושר במיוחד, ווען עס איז "כולנו כאחד" - בשעת אידן קלייבן זיך צוזאמען ביחד, בלב אחד ובדיעה אחת, אויף פארבינדן זיך מיט ענינים פון תורה ומצות, און דורך זיי מיט דעם אויבערשטן, מיט דעם נותן התורה, ומצוה המצוות - וואס דורך דערויף ווערט אין דעם "כולנו כאחד" נמשך דער ברכת ה' ווי דער לשון איז "ברכנו אבינו כולנו כאחד".

וואס אויב בכלל אז מ'גיט א ברכה גיט מען דאס בעין יפה, עאכו"כ א ברכה וואס קומט פון אן אב, ווי דער לשון דא איז "ברכינו <u>אבינו</u>" וואס דעמולט איז די ברכה ביתר שאת וביתר עז, און אן אב רעכנט זיך דאך אלע מאל מיט דעם פארנעם און הבנה והשגה פון דעם בן ווען ער גיט די ברכה. דערפאר זעט מען - "כרחם אב על בנים", - אז בשעת אן אב באציט זיך צו א בן קטן, גיט ער ניט ענינים וואס פאר דעם בן איז דאס צו הויך, ער וויל דאך עס אבער געבן די ענינים הכי טובים והכי נעלים, טוט ער דאס אן אין אזוינע לבושים און אין אזא צורה, אז דער בן זאל דאס אויך פארשטיין און זאל דאס אויפנעמען, און דורך דערויף - אויך סוף כל סוף צוקומען צו די פנימיות און עילוי הענינים.

וואס דעמולט פירן זיך אויס ביידע ענינים: דער פאטער גיט אלץ וואס ער וויל געבן; דער קינד, כאטש ער איז נאך ניט דערוואקסן צו דעם פאטער'ס שכל, אבער דורך דעם וואס מ'גיט דאס עם אין אותיות, לויט <u>זיין</u> פארשטאנד, לייגט מען אין דעם אריין אלץ וואס דער פאטער וויל געבן און דאס ווערט ברשות הבן. און דאס גופא גיט עם כוחות אז סוכ"ס זאל ער נעמען סיי די חיצוניות און סיי די גרויסקייט לויט דעם שכל און פארנעם פון דעם אב.

דערפאר, בשעת עס איז דא דער "כולנו כאחד" ווערט נמשך אין דעם "ברכנו" א ברכה ווי ס'גיט אן אב. אנהויבנדיק פון "נער ישראל ואוהבהו", אז דעמולט קומט ארויס די אהבה פון דעם אב מצד דערויף וואס עס איז א "נער" מ'שטייט נאך אין א קטנות, מ'איז נאך ניט דערוואקסן צו דעם פארשטאנד ווי דער אויבערשטער וויל לויט <u>זיין</u> שכל, איז דעמולט דוקא שטייט די אהבה בגילוי יותר, כדי א נער קטן זאל אויך פארשטיין, און דורך דערויף נעמט מען אויך דעם תכלית העילוי, וואס עס איז דא לויט דעם פארנעם פון דעם פאטער.

איז בהמשך להאמור, אז מ'געפינט זיך אין חודש הגאולה, חודש ניסן, און אין דעם חודש עצמו - אין דער וואך פון חמשה עשר בחודש ניסן - "בצאת ישראל ממצרים", איז דעמולט איז די צייט פון דער ברכה, אז דער אויבערשטער זאל אראפ ברענגען די גאולה האמיתית והשלמה, וואס זי איז "כימי צאתך מארץ מצרים" וואס דעמולט האט זיך דאס אנגעהויבן און עס דארף איצטער ארויסקומען בגלוי, איז כדי מ'זאל דאס אויפנעמען בשמחה ובטוב לבב, זאל דער אויבערשטער פריער אראפנעמען כל ענינים המבלבלים, זאל זיין א חרות אמיתית פון אלע ענינים וואס שטערן א אידן אין חייו הרוחניים, און צוזאמען דערמיט - אויך חייו הגשמיים, וואס דעמולט פירט ער זיך ווי דער אויבערשטער וויל אין לימוד התורה וקיום המצות, און ער ווערט א כלי מחזיק ברכה, ברכתו של הקב"ה, מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה, אין די לעצטע שעות פון גלות, לויט

דעם אופן ווי מ'געפינט זיך נאך אין גלות,

ובקרוב ממש, אין דער ישועה און ברכה השלמה - גאולה האמיתית והשלמה על ידי משיח צדקנו, וואס דעמולט וועט זיין "כולנו כאחד" - בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו", מען וועט גיין אלע מקבל זיין פני משיח צדקינו ובקרוב ממש.

ב. מ'האט דאך גערעדט פריער בהנוגע צו חודש ניסן, און אין חודש ניסן אין דער צייט וואס "קיימא סיהרא באשלמותא", בחמשה עשר בו, וואס דעמולט איז דאך די לבנה בשלימות, וואס "ישראל מונים ללבנה" און "דומים ללבנה", ווי ער זאגט אין מדרש, איז בחמשה עשר בניסן איז געווען דער "לבוא לקחת לו גוי מקרב גוי", און ווי ער זאגט דעם לשון אין מכילתא, אז דאס איז בדוגמא ווי מ'נעמט ארויס דעם עובר "מקרב", וואס אויך לשון המכילתא באווייזט אז דעמולט איז געווען די לידה פון עם ישראל, און אזוי אויך די מפרשי תנ"ך אויף דעם בארימטן קאפיטל אין יחזקאל (וואס ווערט אויך אראפגעבראכט אין הגדה) וואו עס רעדט זיך וועגן לידת עם ישראל, - זיינען מפרש אז דער קאפיטל רעדט זיך וועגן חמשה עשר בניסן - "בצאת ישראל ממצרים .

שטעלט זיך די שאלה: בשעת עס ווערט געבארן א פאלק, און אין תורה איז דאך דער סדר אז "מה שיש בכלל יש בפרט" איז עד"ז אין "עולם קטן זה האדם", איז אין וואס דארף שטיין דער תכלית השלמות ועבודת האדם, וואס דארף ער שטרעבן אויף צו דערגרייכן אז חייו זאלן זיין חיים שלמים ?

וואס מצד דעם וואס "לקחת לו גוי מקרב גוי" איז געווען "בכבודו ובעצמו לא ע"י מלך ולא ע"י שרף ולא ע"י שליח אני הוא ולא אחר", איז פארשטאנדיק אז אין דעם ענין (ותכלית) הלידה ווערט אויך באשטימט די מטרה צו וואס דער גוי הנולד - דער פאלק וואס ווערט געבארן דארף שטרעבן כדי צו דערגרייכן דעם תכלית וואס דער מוליד האט געוואלט אז מ'זאל צו עם צוקומען.

וויבאלד אז עס איז "בכבודו ובעצמו - אני הוא ולא אחר", און אויף דעם אויבערשטן בכבודו ובעצמו, שטייט אז ער ווערט אנגערופן "עצם הטוב", און ווי עס ווערט געבראכט דער לשון אויפן אויבערשטן "מטבע הטוב להיטיב".

וואס דערפאר איז אזוי אויך למטה, אז א מענטש איז בטבע טוב מצד התולדה, אן קיינע השתדלות מצדו און דאס איז אזוי למטה ווייל אזוי איז אין דעם אדם העליון שעל הכסא כביכול, בא דעם אויבערשטן, איז ענינו להיטיב, מצד דעם וואס ער איז "עצם הטוב".

וויבאלד ער איז "עצם הטוב", איז דערפון פארשטאנדיק אז דאס וואס מ'איז געבארן געווארן - "לקחת לו גוי מקרב גוי" ע"י הקב"ה בכבודו ובעצמו - איז דער תכלית השלמות שלו אז ער זאל שטיין אין א מצב טוב און האבן טוב בתכלית השלמות.

עפ"ז קומט אויס, בהשקפה ראשונה, אז וואס פאר א טוב איז בתכלית השלמות - בשעה מ'דארף אויף דעם ניט האבן קיין יגיעה, וואָרום אויב ער דארף הארעווען כדי צו צוקומען צו דעם טוב איז דאך דאס פארבונדען מיט אן אנשטרייגונג מצדו - מצד מקבל הטוב, און אויב ער וואלט די אנשטרייגונג ניט געהאט וואלט ער דאך געקאנט אויפנעמען מער בשלימות דעם טוב וואס "טבע הטוב להיטיב" גיט עס און אפילו אז די אנשטריינגונג איז א קליינע, איז דאך דאס א חילוק בלויז אין כמות, אבער אין איכות איז דאך דאס לכאורה ניט קיין נתינת הטוב בשלמות, וויבאלד אז מ'שטעלט א תנאי אז ווען וועט ער באקומען דעם טוב, דוקא אויב מצדו וועט זיין א השתדלות, א יגיעה, עכ"פ א יגיעה קטנה.

עפ"ז און דוקא מצד דער אמונה אין שלמות הבורא, ביז אז דאס איז א שלמות שאין למעלה ממנה - דארף אויסקומען - אז בא "מעשה ידי להתפאר" וואס דאס זיינען אידן, דארף דער אויבערשטער וועלן לכאורה אז אידן זאלן באקומען כל עניניהם אן

קיין יגיעה והשתדלות, און דאס וואס מ'זעט אז מ'דארף הארעוועו ביז מ'דערגרייכט, קאן מען דאס מסביר זיין אז דאס איז געווארן דערנאך, וואס ס'איז דאך מפני חטאינו עד"ז אין דקות הענינים, האט דאך "חטאינו" אויך א טייטש מלשון "אני ושלמה בני חטאים", אז עס פעלט, און וויבאלד אז עס פעלט אין שלמות האדם פעלט אויך אין דעם שלמות הטוב וועלכע ער באקומט אן יגיעה. דערנאך כדי ער זאל באקומען דעם טוב בשלמות, דארף ער הארעווען אז ער זאל צוקומען צו זיין שלמות, ווארום דעמולט וועט ער א כלי אויף מקבל זיין די שלמות הטוב, אבער לולא החטא והחסרון האט דאך בריאת עם בני ישראל - ועד"ז בריאת האדם אלס א יחיד לכאורה געדארפט זיין אין אן אופן אז ער זאל באקומען כל עניניו בלי שום יגיעה והשתדלות.

זעט מען אבער, אז גלייך ווי אדם הראשון איז באשאפן געווארן וואס ער איז דאך געווען "יצור כפיו של הקב"ה - בהנוגע צום גוף, און בהנוגע צו דער נשמה - "ויפח באפיו נשמת חיים", און ווי ער ברייננגט דעם לשון פון זוהר "מאן דנפח מתוכיה (ומפנימיותו) נפח", אז דאס איז ניט א הבל ע"ד הבל הדיבור - אן איבעריקע אנשטריינגונג, נאר עס שטייט דער לשון "ויפח" וואס בלשון הקדש גייט דאס אויף א נפחיה וואס איז פארבונדן מיט א יגיעה, ביז אז דאס קומט ארויס "מתוכו ומפנימיותו" קומט אויס אז סיי דער גוף האדם איז געווען ("גלמי ראו עיניך") יצור כפיו, און אזוי אויך די נשמה איז געווען "מתוכו ומפנימיותו" פונדעסטוועגן נאך קודם החטא והחסרון בשעת דער אדם איז נאך געווען בשלמות, שטייט גלייך אז מ'האט עם באשאפן און זיין תכלית איז געווען ויניחהו בגן עדן לעבדה ולשמרה", דא איז גלייך אנגעוויזן געווארן אז אפילו קודם החטא וואס דעמולט איז דאך "עולם על מילואו נברא", ווי ס'שטייט אלה תולדות השמים והארץ בהבראם, און ער זאגט אין מדרש "תולדות מלא כתיב" (וואס דאס איז דא בלויז צוויי מאל: בשעת הבריאה קודם החטא, און "אלה תולדות פרץ" - ווען ס'הויבט אן ארויסקומען בגלוי ווי וועלט וועט שטיין לאחר ביאת משיח צדקנו (ובנתיים איז חסרון) איז "תולדות השמים והארץ בהבראם" כולל די בריאה פון אלע ששה ימים כולל אויך די בריאה פון אדם הראשון, איז גלייך געווען "ויניחהו בג"ע", ע"מ אז ס'זאל זיין "לעבדה" וואס "עבודה" בלשון הקודש איז פארבונדן מיט יגיעה, ווי דער אלטער רבי טייטשט, אז דאס איז מלשון עיבוד עורות, וואס דאס איז איינע פון די שווערסטע עבודות און עד"ז איז אויך דער אפטייטש "עובד אלקים". און דאס איז דער ענין פון "לעבדה" וואס שטייט ביי אדם הראשון.

דערפאר אז מ'וויל באצייכענען איינעם וואס איז אינגאנצן איבערגעגעבן ביז אז ער איז ניט קיין מציאות לעצמו ווערט ער אנגערופן בשם "עבד", וואס זיין גאנצע מציאות איז מציאות האדון, וכמבואר בכמה מקומות ביז צו הלכה בפועל, כמבואר בפוסקים די נפק"מ בדבר בנוגע צו א גט שחרור וכו'.

זעט מען דאך, אז ניט קוקנדיק אויף דעם וואס לכאורה בריאת אדם הראשון קודם החטא האט געדארפט זיין אין אן אופן אז ס'זאל זיין "מפרי עץ הגן אכול תאכל" אן קיין השתדלות מצדו, זאגט מען אבער אז דער תנאי צו "ויניחהו בגן עדן", איז "לעבדה" ניט "לאכול מפריה", נאר "לעבדה ולשמרה", און ערשט דערנאך האט מען עם געזאגט "מפרי עץ הגן אכול תאכל".

עד"ז טייטשט די גמרא דעם פסוק "אדם לעמל יולד", אז דאס איז ניט אן ענין יוצא מן הכלל, אדער ס'איז פארבונדן מיט א חטא ועון (צי בפשוטו אדער בדקות הענין), נאר - "יולד", לכתחילה איז לידת האדם כדי אז ער זאל האבן א געלעגנהייט און ער זאל אויספירן בפועל דעם ענין פון "עמל", וואס "עמל" איז ניט סתם וואס ער טוט עפעס אן ענין של עשי' בעלמא, נאר דאס ווערט אנגערופן "עמל", אז מ'דארף הארעווען, און ער איז געבארן געווארן ניט כדי ער זאל עפעס טאן סתם, נאר ער זאל דאס טאן אין אן אופן של עמל.

דאס גיט א הוראה בהנוגע א פאלק וואס רעדט זיך צוזאמען און טראכט אין וואס פאר א ריכטונג ס'דארף גיין די השתדלות - דארף זיך עס ניט אנהייבן פון באקומען

וואס מערער, נאר ס'דארף זיך אנהייבן פון "לעבדה ולשמרה", און דערנאך דארף זיין די עבודה בשלמות און אן עבודה טובה, וועט דעמולט בדרך ממילא קומען דאס וואס עצם הטוב להיטיב".

און דאס זעט מען סיי ביי אדם הראשון - "לעבדה ולשמרה", און סיי ביי יעדער מענטשן ווי די גמרא טייטשט אפ אין סנהדרין, אז אויף יעדער איד אלט א יחיד, בכל מקום ובכל זמן איז "לעמל יולד"; עד"ז זאגט מען אויך בנוגע כללות עם ישראל, אז "בהוציאך את העם ממצרים" (שמות ג, יב) [וואס דאס איז, ווי גערעדט פריער לידת עם ישראל "לקחת לו גוי מקרב גוי"] דערציילט מען ניט אז דעמולט וועט זיין חרות און אז דעמולט וועט מען זיי ברייגגען אין אן "ארץ טובה ורחבה", און ס'וועט זיין "לאכול מפרי' ולשבוע מטובה", נאר מ'זאגט אז דעמולט וועט מען דערגרייכן און האבן די מעגליכקייט אויף "תעבדון את האלקים על ההר הזה".

דאס איז אויך דער דיוק הלשון, דוקא דער ווארט "תעבדון", וואס דאס איז פארבונדן מיט עבודה עבד, מיט עמל ניט סתם עשי' בעלמא, וואס דאס איז די הוספה וואס מ'זאגט "אשר ברא אלקים לעשות - לתקן", דא שטייט טאקע דער לשון עשי' אבער א סאך א גרעסערע אנשטריינגונג איז דער ענין פון עבודה. אזוי אויך דא זאגט מען אז "בהוציאך את העם ממצרים" איז ניט נאר אן ענין של עשיה אדער לימוד ושמיעה וכו', נאר דעמולט איז דער ענין "תעבדון", דוקא.

ובפרט ווי ער זאגט אין מדרש, און רש"י ברייגגט דאס בפירושו על התורה, (וואס דאס איז דאך א הוכחה אז דאס איז "פשוטו של מקרא", וואס דאס איז דאך ענינו של פרש"י על התורה - אני לא באתי לפרש אלא פשוטו של מקרא), אז בזכות מה איז געווען בהוציאך את העם ממצרים", דערפאר וואס מ'איז לכתחילה געגאנגען אויף "תעבדון את האלקים על ההר הזה".

דערפון האט מען דעם לימוד: אזוי איז געווען בבריאה מתחילתה, אזוי איז אויך געווען בשעת דער גאנצער אידישער פאלק איז געבארן געווארן, און אזוי איז דאס אויך בהנוגע צו יעדער אידן - אז ענינו איז ס'זאל זיין "לעמל", ס'דארף אבער זיין אן "עמל תורה", וואס דאס איז כולל אין זיך "עמל שיחה" און "עמל מלאכה", ווי די ס"ד אין סנהדרין, וואס דאס איז דאך א קס"ד פון תורה איז דאך דאס אויך א חלק פון תורה, וואס איז נכלל אין דער מסקנא וואס אמת טאקע מ'ווייס אז די זאך איז אזוי, אבער ווייבאלד אז "עם חכם ונבון" וויל מען דאך מ'זאל פארשטיין דעם ענין אין שכל, ווייבאלד אז תורה דערציילט אז דאס איז דער תכלית השלמות פון א גאנצן פאלק, און פון יעדער יחיד - דער ענין פון עבודה, ווארום דורך דערויף באקומט ער זיין שלמות און טוב בשלמות, און לכאורה איז דאך דאס פארקערט פון שלמות הטוב, בשעת מ'פארבינדט דאס מיט אן אנשטריינגונג און מיט אן עבודה וואס דארף אראפ נעמען העלמות והסתרים מניעות ובלבולים.

איז דער באור אויף דערויף, בלשון הידוע, אז דער אויבערשטער האט ניט געוואלט אז עס זאל זיין "נהמא דכיסופא", ווי מ'זעט בטבע אז א מענטש באקומט א זאך אן קיין השתדלות מצדו אפילו ניט קיין "עביד נייחא לנפשיה", וואס דעמולט איז "יהיב לו מתנתא", איז ווען דאס איז אויך ניטא, ווערט דאס אנגערופן "נהמא דכיסופא", און ווי געבראכט דעם לשון פון ירושלמי אז "הכלה הופכת פניה ואוכלת", אז דערפאר וואס זי איז ערשט געווארן א כלה און האט זיך נאט ניך משתדל געווען זי באקומט "נהמא דכיסופא" און דערפאר איז "הופכת פניה ואוכלת".

וואס דאס איז אויך דער כללות הביאור, אז דוקא מצד דעם וואס דער אויבערשטער וויל אז נאר א איד זאל ניט האבן נאר שלמות הטוב, נאר ער זאל דאס האבן בתכלית השלמות, איז אויב דער איד וואלט ניט געהאט אין דעם קיין השתתפות והשתדלות מצדו וואלט ער טאקע געהאט דעם טוב במילואו ער וואלט דאס אבער געהאט אינגאנצן ווארום ער וואלט דאס אויפגענומען אלס "נהמא דכיסופא", האט דער אויבערשטער במיוחד געגעבן א געלעגנהייט אז עס זאל זיין דער "תעבדון את האלקים", ס'זאל זיין "לעבדה ולשמרה",

ולאחרי זה אז ער קומט אין "ארץ טובה ורחבה", אדער "את פרי עץ הגן אכול תאכל" איז וויל ער האט אינדערויף געהאט א השתתפות - די עבודה "לעבדה ולשמרה" מצדו, אט דעמולט דוקא נעמט ער אויף דעם טוב, און בשלמות אן קיינע ענינים פון "נהמא דכיסופא".

וואס דוקא מצד דעם וואס עצם הטוב להיטיב", און ער איז דאך בתכלית השלמות, ווייל ער אויך אז דער מקבל הטוב זאל דאס האבן בשלמות, האט ער דאס געגעבן איז אזא אופן; און עד כדי כך איז דאס נוגע אז דאס איז ניט נאר אויב ס'איז בערך אדער אפילו בערך, זאגט די גמרא אז "אדם רוצה בקב שלו יותר מתשעה קבים של חבירו", אז ביי עם איז טייערער און ער וויל בעסער האבן מערניס ווי איין קב, אבער דאס זאל זיין זיינעם - אן אויסגעהארעוועטער, און דערפאר איז ער מוותר אויף תשעה קבין אויב דאס איז דעם חבר'ס און דער חבר גיט דאס עם אפ.

וואס דאס איז אויך דער ביאור וואס מ'זאגט "אדם לעמל יולד", און בא אדם הראשון אפילו קודם החטא "לעבדה ולשמרה" ועד"ז אויך ביי אידן "לקחת לו גוי מקרב גוי" איז פארבונדן מיט "תעבדון את האלקים על ההר הזה", וואס דאס איז געווען דער זכות וואס דורך דעם איז "בהוציאך את העם ממצרים", ועד"ז האט דאס דאך געדארפט ארויסקומען אין עשיה בפועל ? זאגט מען אז די הכנה צו פסח איז געווען, "בדמיך חיי בדמיך חיי" - דער ענין פון דם פסח און דם מילה, וואס דאס איז דאך א ענין וואס איז פארבונדן מיט עבודה און השתדלות בעצמו ! ביז דער ענין פון מילה ווי דער רמב"ם זאגט אין הלכות מילה אז דאס איז גאר א ענין של סכנה, און אעפ"כ האט מען דאס געטאן נאך פאר מתן תורה, וואס דאס איז געווען די השתדלות די עבודה און דער עמל מצדם, וואס מצד דערויף איז געווען די גאולה ראשונה בתכלית השלמות, ביז אז די גמרא זאגט אילו זכו וואלט געווען "כימי צאתכם מארץ מצרים", תכלית השלמות אין גאולה, תכלית השלמות אין זמן חרותנו.

און דאס איז אויך בהמשך להאמור לעיל, אז "בכל שנה ושנה (איז) הימים האלה נזכרים ונעשים", און ווי דער אריז"ל טייטש דאס אפ אז ווען די ימים זיינען "נזכרים" - אז מ'דערמאנט זיך, און מ'טראכט זיך ארײַן אין זיי און אין זייער תוכן, אט דעמולט איז "נעשים", ונמשכים ההשפעות וההמשכות ווי ס'איז געווען דעם ערשטן מאל, און נאך מערער, "ארום ס'איז דאך דא א ציווי "מעלים בקודש", א הוספה בכל עניני טוב וקדושה איז אין חודש ניסן ובפרט נאך עשירי בניסן, וואס דעמולט איז געווען דער "בעשרה לחדש הזה ויקחו להם איש שה לבית אבות שה לבית", וואס דאס איז געווען דורך משכו ידיכם מעבודה זרה, אז וואס מ'איז געוויינט געווארן כמה שנים, האט מען אנגעזאגט אז ס'זאל זיין "משכו".

און עס דארף זיין דער ענין פון "שה", וואס דאס איז געווען די עבודה זרה פון מצרים, און ווי ער זאגט אין מדרש, אז משה רבנו האט דערהערט דעם ציווי האט ער געפרעגט בא דעם אויבערשטן: וכי אינך יודע אז דאס איז (שה) עבודה זרה של מצרים, ווי אזוי קאן דאס זיין אז ולא יסקלונו ?

און אעפ"כ איז "ויאמינו העם", און מ'האט דאס געטאן און דאס איז זיכער געווען פארבונדן מיט אן עמל והשתדלות גדולה ביותר, וואס דאס איז געווארן די הכנה אין די ימים שבנתיים, אז מ'האט געהאלטן אין דעם מעמד ומצב נפשי, ביז אז בי"ד בניסן איז געווען דער "ושחטו הפסח".

און דערנאך איז בחמשה עשר בו געווען "בצאת ישראל ממצרים" וואס "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות", בלשון פון דעם אלטן רבי'ן על ידי מעשנו ועבודתנו במשך שית אלפי שנין דהוב עלמא, ובמיוחד במשך זמן הגלות וואס דעמולט איז די מעשה און עבודה פון אידן פארבונדן מיט מסירות נפש, ניט נתפעל ווערן פאר דער סביבה און דער וועלט וואס ארום עם, ברייננגט מען אראפ דעם "אראנו נפלאות", בטוב הנראה והנגלה למטה מעשרה טפחים, בביאת ממשיח צדקנו בקרוב ממש.



הנחה פרטית בלתי מוגה

ג. די הסברה וואס מ'האט פריער גרעדט אז וויבאלד "אדם רוצה בקב שלו מתשעה קבים של חבירו", האט דער אויבערשטער געוואלט און איינגעשטעלט די וועלט [בהנוגע צום אידישן פאלק, וואס זיי זיינען "בחר בנו מכל העמים"] אז ס'זאל זיין דער סדר פון "תעבדון את האלקים", ניט גלייך באקומען די "ארץ טובה ורחבה"; ועד"ז בנוגע להאדם "יצור כפיו של הקב"ה", זאל דאס זיין אין א אופן פון "וינחהו בג"ע (ע"מ) לעבדה ולשמרה"; ועד"ז בנוגע לכאו"א "אדם לעמל יולד", איז לכאורה איז דאס ניט קיין תירוץ און א הסברה בנוגע צו דעם אויבערשטן.

ווען דאס רעדט זיך וועגן אן ענין וואס איז פארבונדן און געבונדן מיט חוקי הטבע, איז וויבאלד אז טבע האדם איז "רוצה בקב שלו מתשעה קבים של חבירו" האט דער נותן מתנה ונותן הטובה קיין ברירה ניט, אויב ער וויל אז יענער זאל דאס אופנעמן בשלמות דארף ער פון עם עפעס פארלאנגען, וואס דורך דערויף זאל דאס ווערן שלו, עכ"פ אן עבודה קטנה, ובלשון המדרש צולייגן אן "אצבע קטנה"; בשעת ס'רעדט זיך אבער וועגן דעם אויבערשטן, וואס ער איז דער וואס "חוקות שמים וארץ שמתי" - ער האט געמאכט די חוקי הטבע, האט דאך לכאורה דער גאנצע הסבר קיין ארט ניט, ווארום הא גופא קשי' פארוואס האט ער באשאפן דעם טבע האדם אז עס זאל ניט איינגיין קיין טובה סיידען ער זאל זיך דארפן אויף דערויף מאטערן וכו', וואס דאס איז דאך א מאטערניש, וואס פאר עבודה ס'זאל ניט זיין מוז דאך האבן השתדלות דאס הייסט א העדר שביעת רצון, העדר מנוחת הנפש העדר מנוחת הגוף וכו', און מען קאן עס אויף אנאנדער אופן ניט געבען די טובה סיידען ס'זאל זיין לעבודה און "לעמל יולד", דער אויבערשטער איז דאך ניט געבונדען מיט חוקי הטבע, ער האט זיי געמאכט, איז לכאורה מצד דערויף וואס ער איז "עצם הטוב", און "טבע הטוב להיטיב", האט ער געדארפט דעם אדם באשאפן אין א תכלית השלמות, אז ער זאל ניט דארפון האבען קיין יגיעה און קיין עבודה, אפילו א השתדלות קטנה ביותר, און אעפ"כ זאל עם איינגיין דעם תכלית הטוב במילואו, מידו "המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה" ?

וואס ווי גערעדט פריער דאס איז א גוטער הסבר "בין אדם לחברו", דאס האט אבער קיין שייכות ניט אויף פארענפערן דעם אופן הבריאה פון דעם בורא, וואס ער האט באשאפון אויך די חוקי הטבע, און פונקט ווי ער האט באשאפען א טבע האדם "רוצה בקב שלו מתשעה קבים של חבירו", האט ער עם געקאנט באשאפון אין א אופן אז עס זאל זיין גוט תשעה קבים אפי' של חבירו אבי דאס זאל אנקומען צו עם בדרך הטוב והישר.

און אט דא קומט ארויין די נקודה פנימית והתיכונה בכל זה, אמת טאקע, פונקט ווי ער האט באשאפון דעם אדם בטבע זה האט ער עם געקאנט באשאפון א טבע אז עס גייט איין א טובה אויב נאר די נתינת הטוב איז "בעין יפה (נותן)". אבער דעמולט וואלט ער געוועזן ניטמער ווי א מקבל, דער אויבערשטער האט געוואלט אז (דער מענטש), א איד, זאל צוקומען צו נאך א העכערע שלמות, און דאס איז דער תכלית השלמות און תכלית הטוב - "נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית", ווי ער זאגט אין מדרש: "אמר הקב"ה ליעקב מה אני בורא עולמות אף אתה בורא עולמות", דער אויבערשטער האט געקאנט באשאפען א מענטשן א אידן אז ער זאל קאנען באקומען טוב און ניט האבען דעם געפיל פון "נהמא דכיסופא", אויב נאר די נתינת הטוב שלו איז געגעבון געווארן דורך א "טוב עין הוא יבורך", ווארום אויב ניט גייט ניט איין דעם טוב, מ'טאר גאר ניט נעמען דעם טוב, וויבאלד אבער מ'באקומעט דאס פון דעם "טוב עין" עאכו"כ פון "עצם הטוב", איז אט דעמאלט קאן דאס אים איינגיין בתכלית השלמות אן קיינע ענינים פון "נהמא דכיסופא".

אבער דאן ווערט ער מער ניט ווי א נברא - ער ווערט מער ניט א מקבל, וואס דאס איז אויך א שלמות גדולה אז דער נברא שטייט בתכלית השלמות צו וועלכער א נברא קאן דערגרייכען, האט אבער דער אויבערשטער געוואלט אז א נברא זאל האבען א מעגליכקייט ווערן העכער פון גדרי הנבראים, אז ער זאל ווערען ווי געזאגט פריער (בלשון חז"ל) "שותף להקב"ה" און אמיתית ענין השותפות איז דאך ניט אז איין שותף האט א טייל און דער צווייטער שותף האט א צווייטן טייל, נאר בכל נקודה ונקודה פון די נכסים משותפים זיינען זיי ביידע שותפים.

ווי אזוי קאן ער ווערן א "שותף להקב"ה" וואס דעמולט ווערט ער בדרגת בורא, אדער בלשון הזוהר אז ישראל וקוב"ה דורך אורייתא איז כולא חד, ווי ער זאגט דארט אז "תלת קשרין אתקשראן דא בדא ישראל באורייתא ואורייתא בקוב"ה, איז דורך דערויף ווערן ישראל וקב"ה כולא חד, - אז ער ווערט אין א דרגא פון בורא, דורך וואס קאן דאס ווערען, דורך דעם וואס ער טראגט ארייין א חלק אין דער שותפות, אז מ'שיינקט עם א חלק אין דער שותפות אן קיין השתדלות מצדו, איז דאס ניט קיין שותפות ס'איז נאר א מקבל מתנה.

בשעת ער טראגט יע ארייין זיין השתדלות - זיין יגיעה, איז אע"פ אז די יגיעה איז א קלענערע אדער א גרעסערע וכו', אבער דאן ווערט ער א שותף ניט נאר בהנוגע אליו און חלקו בעולם, נאר ווי די גמרא זאגט אין שבת "נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית", אין דער גאנצער בריאה פון ששת ימי בראשית, אז אע"פ וואס דער אדם איז באשאפן געווארן ביום השישי ובסוף יום השישי (ווי די גמרא אין סנהדרין זאגט די שעה ווען ער איז באשאפן געווארן - "עמד על רגליו", וואס דאס איז געווען לאחר חצות היום וכו') און ווי רש"י ברייינגט אראפ (וואס כאמור לעיל איז פארשטאנדיק דערפון, אז דאס איז פשוטו של ענינים, און אזוי לייגט זיך דאס אפ אפילו בא א "בן חמש למקרא"), אז אדם איז באשאפן געווארן "אחור למעשה בראשית", כדי ער זאל געפינען "הכל מוכן לסעודה", גאנץ מעשה בראשית איז באשאפן געווארן פאר אדם הראשון, און ער האט געהאט "מוכן לסעודה" און ער האט געקאנט נהנה זיין מסעודתו של ממ"ה הקב"ה, האט אבער דער אויבערשטער געוואלט אז ער זאל ניט הנאה האבן פון א סעודה מוכנת כדי ער זאל ווערן אין א אופן פון בורא, כביכול - ביז וואנעט אז "כולא חד", וואס דאס קאן זיין בשעת ס'וועט זיין דער ענין פון "לעבדה", "אדם לעמל יולד" און תעבדון את האלוקים על ההר הזה".

בדוגמא ווי אן עבד איז ניט קיין מציאות פאר זיך, ווי דער רשב"א זאגט, נאר זיין גאנצע מציאות איז מציאות האדון, איז דורך דערויף וואס "תעבדון את האלקים", ווערט דאס אויס מציאות פון א נברא און ס'ווערט א מציאות פון "אלקים", כביכול, - "אני אמרתי אלקים אתם" [ווי ער זאגט אין מדרש, אז לולא הענין פון חטא וואלט דאס געבליבן אין דעם מעמד ומצב ווי דער אויבערשטער האט געוואלט לכתחילה] וואס דאס איז דורך א בריאה מצד האדם, וואס דאס איז דער ענין פון "תעבדון את האלקים" ועד"ז (פאר דערויף) "לעבדה ולשמרה", ועד"ז בכאו"א "אדם לעמל יולד".

און דא קומט דער ביאור אויף די קושיה הידועה וואס ס'ווערט שוין געבראכט אין מדרש, אבער איצט ווערט דאס געפרעגט על כל צעד ושעל: אויב דער אויבערשטער וויל אז א איד זאל זיך פירן ווי עס שטייט אין שו"ע ע"פ התורה והמצוה, פארוואס מאכט ער עס אזוי פיל שווערקייטן ? דער איד וואס וויל זיך פירן ע"פ שו"ע [וואס דאס וויל דאך יעדער איד, ווי דער רמב"ם פסק'נט אפ, אז יעדער איד אויב ניט "יצרו אנסו" וויל ממלא זיין דעם רצון פון דעם אויבערשטן,] וויל דאך לערנען תורה ומקיים זיין מצות, איז פארוואס לייגט מען כמה קישוים און העלמות והסתרים, אז ער זאל דארפן האבן אויף דעם א יגיעה, ביז וואנעט מ'זאגט עס אז "בכל מאדך" ביז דעם ענין פון מסירת נפש.

און ווי די קשיא וואס ער זאגט אין מדרש בהנוגע צו מצות מילה, די ערשטע מצוה, וואס איז געגעבן געווארן צו אידן, האט דער פילוסוף זיך געשטעלט אויף דעם און געפרעגט, אויב דער אויבערשטער האט געוואלט אז ס'זאל זיין מילה האט ער לכתחילה געדארפט באשאפן דעם מענטשן, מהול ? און מ'האט עם פארענטפערט אז "אפילו טורמסין צריכים תקון", לכתחילה איז אזוי באשאפן געווארן די וועלט אז א איד זאל קענען האבן א מעגליכקייט ארייינגיין אין א שותפות כביכול מיט'ן אויבערשטן, עד"ז איז אין עבודת כאו"א און כל אחד ואחת, בשעת מ'טרעפט א שווערעקייט קומט דאך גלייך דער יצר מצד השמאל - דער יצר הרע, מיט דער טענה, אז דאס איז רצון הבורא דו ביסט דאך א מאמין באמונה פשוטה, אז דער אויבערשטער איז א בעל הבית בכל פרט ופרט, בימינו אלו בכל מקום ומקום, איז ווי קומט דאס אז ס'זאל זיין א דבר והיפוכו דער אויבערשטער וויל זאלסט מקיים זיין די און די מצות, און כדי זיי צו מקיים זיין

דארפסטו זיך אנשטריינגען, כדי דו זאלסט קאנען צוקומען דערצו ?

איז דאס ניט דער טעם חס ושלום, אז "עצם הטוב" וויל מאטערן א אידן וכיוצא בזה ואדרבא ער וויל עס געבן א מעגליכקייט אז די מצות זאלן זיין ניט ווי ס'איז געווען "אשר נאכל במצרים חנם", ווי ער טייטש אפ אין זהר, אז סטרא דלעומת זה גיט מען "חנם", משא"כ א ענין פון מצוות וויל דער אויבערשטער אז עס זאל זיין דוקא בכסף, - דוקא בהשתדלות ניט אומזיסט, וואס דעמולט האט ער דעם געפיל אז דאס איז זיינע, און דורך דעם איז דער געפיל אז דאס איז ניט א צופעליגע זאך וואס ס'האט געקאנט זיין באופן הפכי, דעמול וואלט געפעלט אין שלמות הטוב הנשפע למקבל הטוב און ער וואלט געווען ניט מער ווי א מקבל, און אזוי ווערט ער א שותף אין דעם טוב וואס ער באקומט.

און דוקא מצד די טיפערקייט פון תורה ומצות, און מצד די טיפערקייט פון אידן וואס דער אויבערשטער וויל אז זיי זאל אנקומען אין תכלית השלמות, און ביי זיי זאל זיין תורה באופן פון "מצאת", האט ער דאס פארבונדן דוקא מיט "יגעת", ווי די גמרא זאגט אין מגילה, "יגעת ולא מצאת אל תאמין", ס'קען גאר ניט זיין אזא מציאות, ווארום דער אויבערשטער וואלט ניט געגעבן א אידן אויף מאטערן זיך סיידן צוליב א תכלית נעלית ביותר, וויבאלד ס'איז געווען "יגעת" [ווייל דער אויבערשטער האט געזאגט ער דארף זיין א יגע בתורה], איז א זיכערע זאך אז עס וועט זיין א יגעת ונשכר, ער וועט האבן אזוי פיל לויט זיין יגיעה, נאר עס וועט זיין "ומצאת", ווי די גמרא זאגט אין סנהדרין אז "שלושה באים בהיסח הדעת", ער וועט באקומען אזוי פיל אין ידיעת התורה וואס דורך דעת קאן ער אהינצו ניט צוקומען, דאס קומט דורך "היסח הדעת", ווי אזוי אבער קומט ער דערצו דארף זיין א יגיעה מצדו.

וואס דאס איז דער ביאור אויף די שווערקייטן וואס מ'האט כדי צו דערגרייכן צו א דבר טוב בכלל, און כדי צו דערגרייכן צו א ידיעה בתורה, א ידיעה אמיתית, און צו קיום המצות כדבעי, וואס דעמולט קאן דאס ניט זיין "חנם", נאר עס דארף זיין דוקא בשכר, איז דאס פארבונדן מיט א השתדלות מצד האדם וואס דאן ווערט ער בדרגא פון דעם "מצוה המצוה" און פון "נותן התורה" כביכול.

נאר אויף דערויף זאגט מען אז דאס איז ניט ח"ו אז עס איז א הכרח אז מ'זאל זיך מאטערן און א יגיעה עצומה ס'ווערט דערציילט אין מדרש אז בשעת רבי חנינא בן דוסא האט געוואלט עולה לרגל זיין און האט ניט געהאט וואס צו ברענגען און האט געפונען א אבן גדולה, וואס ס'איז ניט געווען בכוח איינער אליין מעלה זיין צו ירושלים, זיינען געקומען מלאכים בצורת בני אדם, און אים געזאגט אז זיי וועלן דאס טאן פאר עס, נאר ער זאל אונטערלייגן א אצבע קטנה, און בשעת ער האט אונטערגלייגט א אצבע קטנה האט ער א קוק געטאן אז ער שטייט אין ירושלים מיט'ן אבן גדולה: וואס לכאורה ממ"נ, וואס האט ער דא אויפגעטאן מיט די אצבע קטנה ? ס'דארף אבער זיין לא יראו פני ריקם", בשעת מלאכים טראגען ארויף די אבן גדולה, וועט דאס זיין "יראה ריקם", האט מען געדארפט האבן אז עס זאל זיין זיינע, עכ"פ מיט א השתדלות פון אצבע קטנה.

און א תוספות הסברה בזה, די אצבע קטנה פון א בן אדם איז מער יגיעה, ווי "חמשה מלאכים וחמשה בני אדם" (ווי ער זאגט אין מדרש) זאלן טראגן אן אבן גדולה אין ירושלים, עד"ז בשעת מ'זאגט אויף דעם אויבערשטן אז "לא בעמל ולא ביגיעה ברא הקב"ה את עולמו", (נאר) דבור פיו, איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז צו ווערן א "שותף להקב"ה במעשה בראשית", דארף דאס ניט זיין דוקא עמל כפשוטו - הארעווען ר"ל און פארשווארצט ווערן, ס'איז גענוג אז ס'וועט זיין "בדיבור פיו", ער דארף דאס אבער טאן ע"ד ווי בא דעם אויבערשטן כביכול, איז דער ענין פון "דיבור פיו", איז "אנא נפשי כתביה יהבית", דער "דבור פיו" וועגן וועלכע עס רעדט זיך איז דאס די "עשרה מאמרות שבהם נברא העולם", וואס דאס זיינען די עשרה מאמרות מיט וועלכע תורה הויבט זיך אן, זאגט ער אויף דערויף אין שבת אז "אנא נפשי כתבית יהבית". און ווי דער בעש"ט טייטשט דאס אפ, אז דער אויבערשטער האט אריינגעלייגט "נפשי" אין דעם "כתבית" און דאס האט ער געגעבן ("יהבית") צו אידן, און דעמולט איז גענוג

אפילו "בדיבור פיו".

וואס פאר א יגיעה והשתדלות עס וועט זיין פון א אידן, בשעת עס וועט אבער זיין אנא נפשי" - ער לייגט זיך אינגאנצן אריין אין דער השתדלות, איז אע"פ אז די השתדלות בכמות איז א קליינע אבער אין דערויף ליגט ער דאך "בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך" דעמולט גיט ער דעם זעלבן חלק כביכול, ווי "עושה מעשה בראשית", און אט דעמולט ווערן זיי ביידע שותפים און דעמולט אלס א שותף זאגט ער אויך א דעה אין דעם גאנצן מהלך העולם, "מאן מלכי רבנן" וואס רבנן איז דאך דאס דורך דערויף וואס מ'לערנט תורה "ותורתו נקראת על שמו" "ובתורתו יהגה יומם ולילה", ער ווערט א בעל הבית אויף תורה, במילא ווערט "בי מלכים ימלכו" - "מאן מלכי רבנן" שטעלט ער זיך אריין אין תורה, און ער פסק'נט אפ - אמר מלכא עקר טורא", ס'ווערט נעקר דער יצר הרע וואס "נדמה להר", און ס'ווערט בטל דער "ומפני חטאנו (ווערט בדרך ממילא בטל דער) גלינו מארצנו", און עס קומט די גאולה האמיתית והשלמה, בלשון הרמב"ם: "הבטיחה תורה (תורה האט צוגעזאגט וואס דאס זאגט תורת אמת, וביחד אם זה תורת חיים, (חיים בעולם הזה הגשמי והחומרי) אז) ישראל עושים תשובה (און ווי דער רמב"ם איז מסיים) ומיד נגאלים" תיכף ומיד, בגאולה האמיתית והשלמה ע"י משיח צדקנו.

ד. בנוגע צו דעם עמל וואס גערעדט פריער גיט דאס א מעגליכקייט א אידן אז ער זאל ווערן א "שותף להקב"ה במעשה בראשית", ניט נאר אין דעם תורה וואס ער באקומט, נאר נאך מערער אין די אלע ענינים וואס זיינען באשאפן געווארן בששת ימי בראשית וואס זיי ווערן דאך נכלל אין דעם נאמען מעשה בראשית, אזוי ווי ס'שטייט "אין כל חדש תחת השמש", אלע ענינים וואס האבן געטראפן נאך דערויף איז אלץ נכלל אין די ענינים פון ששת ימי בראשית און ער ווערט אין זיי שותף על ידי עמלו.

און אויף דערויף טראכט די גמרא וואס פאר אן עמל מיינט מען דאס, און זאגט אויף דערויף א קס"ד אז דאס איז "עמל מלאכה", און (א קס"ד בשעת מ'ווייס אז ס'איז ניט עמל מלאכה, אפשר איז דאס) "עמל שיחה", ביז וואנעט עס בלייבט די מסקנה אז דאס איז "עמל תורה", וואס ווי גערעדט פריער א קס"ד אין תורה איז אויך א חלק פון תורה.

וואס דאס איז דער ביאור אויף די קשיא הפשוטה, וויבאלד אז די גמרא ווייס אז די מסקנה איז, אז "אדם לעמל יולד", מיינט "עמל תורה", ועד"ז בשאר מקומות בש"ס אז מ'ווייסט שוין די מסקנה איז צוליב וואס בריינגט מען דעם דעת המקשן און די קס"ד ?

אפילו אם תמצא לומר אז די מעשה איז געווען אז בשעת מ'האט געלערנט דעם פירוש פון דעם פסוק "אדם לעמל יולד", האט פריער איינער געזאגט "עמל מלאכה", און דערנאך האט איינער געזאגט די סברא פון "עמל שיחה" ביז וואנעט עס איז געבליבן די מסקנה אז ס'איז "עמל תורה", איז דאך ידוע אז די גאנצע שקלא וטריא וואס ס'איז געווען אין די ישיבות אפילו אין ישיבת רב אשי מסדר הש"ס, איז אלץ ניט געבראכט געווארן און איז ניט געווארן א טייל פון תורה שבעל פה,

וואס דאס איז דאך מובן כפשוטו ווי דער רשב"ם איז מבאר אין בבא בתרא, אז זעכציק יאהר נאכאנאנד האט מען געלערנט ווי אזוי מסדר זיין די ששה סדרי משנה, מיט די גמרא, די ערשטע דרייסיק יאהר מהדורא קמא, און די צווייטע דרייסיק יאהר מהדורא בתרא, וואס דאס איז אונזער מהדורא, און דאס האט מען געלערנט אין רב אשי'ס ישיבה, ווי די גמרא איז מפליא דעם ענין פון "תורה וגדולה במקום אחד", אז ס'איז ניט געווען קיינע מניעות ועיכובים אויף לערנען תורה בהתמדה ושקידה, ווארום דארט איז געווען תורה צוזאמען מיט גדולה.

איז דאך פארשטאנדיק אז רב אשי מיט זיין ישיבה במשך פון זעכציק יאהר, [און אפילו אין דרייסיק יאהר פון מהדורא בתרא] האבן געהאט בכמות א רבוי עצום לגבי

דאס וואס מ'האט מסדר געווען און אריינגעשטעלט אין די ששה סדרי משנה מיט די גמרא שעליהם, און דאס גופא איז א הוכחה אז מ'האט אריינגעשטעלט מערניט דעם טייל, וואס ער איז נוגע (אז ער זאל בלייבן אלס תורה שבעל פה) לכל הדורות כולם.

בדוגמא ווי מ'זאגט בהנוגע צו נבואה בזמן הנבואה, אז נבואה שנצרכה לדורות איז פארשריבן געווארן, און די וואס לא נצרכה לדורות, - וואס זי איז געווען בכמות שלא בערך צו דער נבואה וואס איז פארשריבן געווארן, ווי די גמרא רעכנט דארט אויס, אז ס'איז געווען כפלים פון כיוצאי מצרים - ששים ריבוא - אזוי פיל נביאים, וואס זיי ווערן אנגערופן נביאים על שם וואס זיי האבן געזאגט נבואה בפועל, און ס'איז געבליבן פארשריבן נאר מ"ח נביאים וז' נביאות און אויך פון זיי בכמות א קליינע טייל, פון זייער נבואות איז די גמרא מסביר אז דאס איז די וואס הוצרכו לדורות.

וואס עד"ז איז דער ביאור בהנוגע צו גמרא און משנה אז מ'האט אויסגעקליבן און ארויסגענומען פון דעם רבוי עצום וואס איז געווען און ס'איז געבליבן פריער בע"פ און דערנאך בכתב נאר דאס וואס הוצרכו לדורות וואס ע"פ זה ווערט דאך א שאלה, לגבי אט די אלע קושיות וואס די גמרא ברייננגט און אזוי אויך במשנה ובריתא לכאורה וואס דארף מען וויסן לדורות א קס"ד וואס ווערט דערנאך אפגעפרעגט ?

נאר דאס איז ע"ד ווי די משנה זאגט אין עדיות למה נכתבו דברי היחיד, כדי אז ווען עס וועט קומט א זמן און אייגער וועט זאגן א סברא זאל מען עם קאנען ענטפערן אז ס'איז שוין געווען די סברא און מ'האט איהר ניט אנגנומען; אבער לכאורה איז דאס גופא ניט פארשטאנדיק. וויבאלד אז די סברא איז ניט אנגענומען געווארן איז א סימן אז דאס איז ניט קיין סברא אמיתית, איז וואס האט מען מורא אז עס וועט קומען איינער און וועט זאגן מ'וועט עס אויך אפשלאגן אזוי ווי מ'האט אפגעשלאגן דעם ערשטן מאל ?

איז די הסברה בזה אז אין דער סברא איז דא א לימוד וואס דורך דעם ווערט נתברר די מסקנה, ווען מ'וואלט ניט געוואוסט די קס"ד אז עס קאן זיין "עמל מלאכה" בפירוש הכתוב, וואלט מען דעמולט געלערנט "עמל תורה" אין אן אנדער אופן, און עד"ז בהנוגע צו "עמל שיחה"; בשעת מ'ווייס אז דער פסוק קאן נעמען אין זיך דעם פירוש "עמל מלאכה", און "עמל שיחה" דארף מען דעמולט וויסן וואס "עמל תורה" איז, אין אזא מין אופן אז דאס זאל אין זיך כולל זיין די נקודה וואס מצד איר האט מען געפרעגט אפשר מיינט מען דאס "עמל מלאכה", ווארום דער מקשן פון גמרא איז אויך א למדן, איז אז ער פרעגט א שאלה א קושיא אדער ער האט א קס"ד, איז דאס ניט ווי א סתם מקשן זאגט אט דעם לשון, וויבאלד אז דאס איז א קושיא און א קס"ד וואס רב אשי האט מחליט געווען צוזאמען מיט זיין ישיבה אז זי איז הוצרכה לדורות איז א סימן אז דא ליגט א שכל עמוק נאר בהנוגע להלכה למעשה איז די מסקנה איז אז דאס איז "עמל תורה", וויבאלד אז דאס איז דאך א שכל עמוק איז אע"פ אז די מסקנה פון דעם שכל אז "אדם לעמל יולד" מיינט "עמל מלאכה", איז ניט קיין ריכטיקע, אבער דעם שכל קאן מען ניצן כדי צו מסביר זיין "עמל תורה" ועד"ז צו עמל שיחה וכפי שיתבאר לקמן.

דאס איז א באור אויף די אלע ערטער אין ש"ס און משנה וואס ס'ווערט אראפגעבראכט דברי היחיד, אדער אפי' דברי בית שמאי וואס "דברי בית שמאי במקום בית הלל אינו משנה". וואס דא איז שוין ניטא די הסברה אז טאמער וועט מען אמאל וועלן פסק'נען, און עס וועט ווערן א שינוי אין דעם ענין פון בית דין, האט דאס א ארט אז מ'זאל איבער פסק'נען, דערפאר וואס ס'איז געווארן דעמולט א רוב מנין לדעת היחיד. און דעת היחיד איז אויך געווען פון סנהדרין וכיוצא בזה, ווארום בנוגע צו בית שמאי איז "בית שמאי במקום בית הלל אינה משנה", און אעפ"כ איז געבראכט געווארן דברי בית שמאי. ולא עוד אלא שמקדימין את דברי בית שמאי לדבריהם, וואס דאס איז טאקע געווען מצד עלובים, אבער רבי האט דאך דאס אזוי קובע געווען אין תורת אמת, איז דאך א סימן אז עס האט אן ארט פאר אלע - הוצרכה לדורות אז דברי בית שמאי קודמים לדבריהם.



הנחה פרטית בלתי מוגה

וואס ווי גערעדט פריער אז "אדם לעמל יולד" וויבאלד אז מ'וויל (און פארוואס וויל מען האבן) דעם עמל פון דעם אדם כדי אז דורך דעם וועט ער האבן דעם תכלית שלמות הטוב, ער זאל ווערן א שותף במעשה בראשית בכל הטוב להם איז די ערשטע סברא בזה דארף זיין דוקא "עמל מלאכה" וואס דאס איז פארבונדן מיט ישוב העולם - מיט הנהגת העולם, ער דארף ווערן א "שותף להקב"ה במעשה בראשית"; מעשה בראשית איז געווען ניט דאס וואס דער איבערשטער איז געווען דער ענין וואס "קורא ושונה כנגדו". ועד"ז "הקב"ה מצלי", ענין התפלה של הקב"ה, דאס איז געווען ווי עס האט געדארפט זיין דער בריאת העולם - "ויאמר אלקים יהי אור ויהי אור", ועד"ז די "עשרה מאמרות שבהם נברא העולם". וואס דאס איז ניט עשרת הדיברות וואס דאס איז דאך תורה, דאס איז "עשרה מאמרות שבהם נברא העולם".

וואס דערפאר אז מ'ווייס דעם פסוק אז אדם לעמל יולד וואס די הסברה איז כאמור לעיל פארוואס דארף מען האבן אז א מענטש זאל באקומען חלקו בעולם דורך הרעוואניע, כדי ער זאל ווערן א שותף אין מעשה בראשית דארף ער טאן בדוגמא ווי דער צווייטער שותף האט געהאט, וואס האט געטאן דער צווייטער שותף ? עשרה מאמרות שבהם נברא העולם, ניט עשרה הדברות פון מתן תורה, ניט אט דאס וואס הקב"ה מצלי, יגברו רחמי, ווי די מדה הפכית, דער ענין התפלה של הקב"ה וואס דערפאר איז די ערשטע סברא אז "אדם לעמל יולד" איז דוקא "עמל מלאכה".

ווי ס'שטייט די הסברה אין כמה מקומות ובפרט אין קונ' ומעין פון רבין נ"ע, אז דער ענין פון "משאו ומתנו באמונה" וואס ווי געבראכט דעם לשון פון מכילתא "ששת ימים תעשה" תעשה - מצוה עשה וואס איז דא דער אופטו אז ער וועט טאהן מלאכה ? אז דורך דערויף גיט ער ארײן א קיום אין מעשה בראשית, ער איז דאך א שותף אין מעשה בראשית, דורך דערויף וואס ער איז זיך עוסק אין עניני העולם, וואס דאס זיינען די ענינים פון משא ומתן בעניני העולם, און דארטן פירט ער זיך כפי רצון הבורא, ווערט דורך דערויף דער קיום, און זיין שותפות אין מעשה בראשית - אין עניני העולם.

אז ער לערנט תורה איז דאס א העכערער ענין א העכערע וועלט, ביז וואנעט מ'זאגט לגבי "דוד זמירות קרית להו", ער איז דערפאר נענש געווארן ווארום "תורה איז קדמה לעולם אלפים שנה" א ענין שלא בערך וואס דערפאר מ'האט געלערנט דעם ערשטן מאל "אדם לעמל יולד", איז לכאורה פארוואס איז עפעס איינגעפאלן די ערשטע קס"ד עמל מלאכה ניט עמל תורה ניט עמל שיחה ? דערפאר וואס פשוטן של הענינים איז בשעת אז "אדם לעמל יולד". און ער דארף זיין א שותף אין בריאת העולם, דארף ער טאן די זעלבע זאך וואס דער שותף האט געטאן כביכול, און דאס איז דער ענין פון עשרה מאמרות, און ניט דער ענין פון עשרת הדברות.

וואס עד"ז איך דער ערשטער ענין וואס מ'פרעגט ביי א אידן ווי די גמרא זאגט אין שבת, פרעגט מען ביי עם: נשאת ונתת באמונה, אט דאס איז די ערשטע קס"ד, דער ערשטער צוטרעט צו לימוד הענין פון "אדם לעמל יולד", און מ'דארף אויף דערויף א ראיה פון תורה אור, וואס זי באלייכט כל הענינים עאכו"כ של איש הישראלי בעוה"ז, אז מ'קאן ניט זאגן אז דאס איז "עמל מלאכה".

וואס דעמולט ווערט די צווייטע סברה אז דאס איז "עמל שיחה" וויבאלד אז מ'געפינט זיך אין א וועלט, וואס אמת טאקע דער איבערשטער האט איר באשאפן איז "עולם על מילואו נברא" דערנאך איז אבער געווען דער ענין אז עס האט געפעלט שלמות העולם, וואס דערפאר איז ניט געגוג דאס וואס מ'איז זיך עוסק אין דער וועלט, און די וועלט בלייבט ווי זי איז, נאר מ'דארף זען איבערמאכן די וועלט, כדי אז דערנאך זאל די וועלט זיין ווי זי איז באשאפן געווארן דורך די "עשרה מאמרות שבהם נברא העולם", וואס דעמולט איז זי געווען "על מילואו".

וואס דאס איז דורך תפלה, מ'איז מתפלל בדוגמת השותף, יגברו רחמי אויף די מידה ההפכית, אז מ'קומט צוגיין אין וועלט זעט מען אז וועלט איז א ענין מצומצם, מדוד ומוגבל, און אז מ'הייבט אן זוכן געטליכקייט דארף מען זיך מתבונן זיין און

זוכן ראיות, עכ"פ "שאו מרום עיניכם (און דעמולט דוקא איז) ראו מי ברא אלה", און טאמער ס'וועט ניט זיין דער "שאו מרום עיניכם" און מ'וועט זען די וועלט, איז "העולם מתנהג באפלה", צוויי טויזנט יאהר ביז אברהם אבינו, אע"פ אז ס'איז געווען אן עולם און ס'האט זיך מתנהג געווען, אבער ס'איז געווען באפלה, וואס אפלה איז ניט דער טייטש אז די מציאות איז געווען אן אנדערע, ווי גערעדט כמה פעמים דעם חילוק פון אור און אפלה, אז בשעת ס'ווערט ליכטיג קומט ניט צו קיין נייע ענינים, נאר מ'זעט וואס ער טוט זיך ארום אזוי זעט ער א בירה, און ער ווייס ניט צי "יש בעל הבית לבירה זו" צי "אין בעל הבית לבירה זו".

ווי גערעדט כמה פעמים אז בשעת מ'טאפט א לאך, ווייסט מען ניט צי דאס איז א חלון וואס דאס דארף מען האבן כדי אין צימער זאל קאנען ארייני גיין א דבר מבחוץ צי דאס איז א פרצה אין דעם כותל הבית, אדער החדר, אדער הבירה, בשעת עס ווערט ליכטיג - אויס אפלה - דעמולט זעט מען צי דאס איז א פרצה אין כותל צי דאס איז א חלון אדער א פתח אין כותל.

וואס דאס איז דאך א היפך מהקצה אל הקצה, א פרצה איז דאך א ענין של חורבן, א חלון און אפתח איז א ענין של בנין, א תנאי פון א חדר און א בית איז אז ס'דארף זיין א פתח און א דלת און עס דארף זיין א חלון דורך וועלכן די ליכט קומט אריין וכיוצ"ב.

בשעת ס'איז ניטא דער ענין פון יגברו רחמי, אז עס ווערט מערער וויפל די וועלט האט מצד איר מדידה והגבלה, מצד א ענין של צמצום וגבורה, אדער בלשון הגמרא א ענין של כעס דעמולט קאן זיין מצד די וועלט, אז מ'זאל ניט קאנען דורכקומען מיט "עמל מלאכה", דערפאר וואס ס'איז באשאפן געווארן אין אזא אופן אז ס'קאן זיין א מציאות פון חטא עץ הדעת, און דערנאך ווען ס'איז געווען דער חטא עץ הדעת איז געווארן אויס תלדות מלא, ס'האט אנגעהויבן פעלן אין "עולם על מילואו נברא", ס'האט געפעלט אין "מילואו" - אין שלמות העולם.

וואס דערפאר אז מ'קומט לידי החלטה וברור אז "עמל מלאכה" אליין איז וויניק אז דורך דערויף קאן מען ניט ווערן קיין שותף, וואראום אויב ס'וועט זיין מער ניט ווי משא ומתן וועט עס ניט מתקן זיין די וועלט, דעמולט דארף מען בעמען העכער פון וועלט בכדי מ'זאל קאנען משנה זיין די וועלט, וואס דאס איז דער ענין פון "יגברו רחמי על כעסי" ס'דארף זיין א ענין וואס איז העכער פון מדידה, הגבלה וצמצום, און דאס זאל זיין בהתגברות און דעמולט וועט מען איבערמאכן די וועלט,וואס דורך דערויף וועט זי צוקומען צום "מילואו", וואס דאס איז די צווייטע סברא, אז אדם לעמל יולד איז דאס "עמל שיחה", און כמבואר בכמה מקומות ביז דעם מאמר הידוע פון דער רבי'ן        דער נשיא אז "עמל שיחה" מיינט מען ניט ח"ו דברים בטלים נאר תפלה ווי חז"ל זאגן אויף "ויצא יצחק לשוח בשדה - אין שיחה אלא תפלה, יצחק תיקן תפלת מנחה".

וואס דאס איז אויך דער חילוק פון תפלת אברהם און תפלת יצחק, ביז תפלת מנחה כפשוטו, ווי געבראכט בשם האלשיך אויף דאס וואס די גמרא זאגט לעולם יהא אדם זהיר בתפילת המנחה, שאפילו אליהו לא נענה אלא בתפלת המנחה". וואס איז דער טעם וואס מנחה איז אזוי גרויס ובפרט ווי מ'זעט אז אין כמות איז תפלת המנחה א תפלה קצרה לגבי תפלת שחרית, און אפילו לגבי תפלת ערבית ?

שטייט אין אלשיך דער ביאור אין דערויף אז תפלת אברהם - תפלת שחרית איז איידער מ'גייט ארייין אין וועלט, וואס קודם התפלה איז מען אסור באכילה ושתיה, ועאכו"כ, בדרך ארץ - אין "עמל מלאכה" משא ומתן בעולם; תפלת ערבית איז ווען מ'איז בא מהשדה, ווי די גמרא זאגט אין ברכות, אז ס'האט זיך שוין פארענדיקטדער "יצא אדם לפעלו ולעבודתו עדי ערב", ער איז פון וועלט ארייין צוריק אין זיינע ד' אמות, איז דעמולט א ענין אז מ'איז מתפלל להקב"ה און מתפלל ווי ס'דארף זיין - "כעבדא קמי מריה".



הנחה פרטית בלתי מוגה

וואס דאס איז ווי דער אלשיך איז מבאר, "לעולם יהא אדם זהיר בתפלת המנחה", אז דעמולט דארפעמען האבן דעם עיקר הזהירות, כדי מ'זאל דאווענען איידער מ'גייט אריין אין וועלט, דארף מען ניט האבן קיין געוואלדיקע זהירות, בשעת מ'קומט פון די ל"ט עובדין דחול דארף מען אויך ניט האבן דעם "לעולם יהא אדם זהיר", אינמיטן ארבעטסטאג ווען מ'דארף זיך אפרייסן און שטעלן זיך דאווענען, דא דארף מען אנזאגן "יהא אדם זהיר", און "לעולם", וואס פאר אן ארבעט ס'זאל ניט זיין, ס'איז ניטא קיין תירוץ מוז מען זיך אפרייסן אינמיטן ארבעט און אוועקשטעלן זיך "כעבדא קמי מריה", ניטא קיין הליכה ממקום למקום, ניטא די אלע ענינים. מיט די אלע עשר תנאים, וואס דער רמב"ם רעכנט אויס, בנוגע צו תפלה (און דער אלטער רבי איז זי מעתיק בשולחנו הטהור), און דערפאר איז שכרו כנגד הצער, וויבאלד אז דא איז דער עיקר שווערקייט, און דערפאר דארפמען האבן דעם עיקר זהירות און זריזות, און דערפאר איז אפילו אליהו. לא נענה אלא בתפלת המנחה" וואס דא איז די גרעסטע איתכפיא און די גרעסטע איתהפכא, וואס דאס איז אויך וואס מ'זאגט יתגברו רחמי דער ענין פון "עמל שיחה". אז עס דארף זיין אין אן אופן התגברות, ניט קוקנדיק וואס מ'האט א וועלט, ווי די וועלט שטייט לאחרי חטא עץ הדעת, און דער תולדות מלא וועט זיין בביאת משיח צדקנו איז אעפ"כ נאך דעמולט מאכט מען מיט א התגברות - "יתגברו רחמי", וואס דאס איז די צווייטע סברא "עמל שיחה".

מ'פרעגט פון וואו האט ער כח אויפצוהייבן זיך העכער פון וועלט, ווי גערעדט פריער "עמל מלאכה" קאן ניט איבערמאכן די וועלט, ווארום ער געפינט זיך אין וועלט, מאנט מען פון איהם "עמל שיחה", ער זאל זיך שטעלן העכער פון וועלט מיט א התגברות, וואס דעמולט וועט זיין בדוגמא וואס הקב"ה מצלי, און אזוי איז אויך ער "יתגברו רחמי" פון דעם אדם התחתון כביכול, אויף דערויף גופא דארף מען האבן א נתינת כח און די נתינת כח, איז ווי דער רמב"ם זאגט, אז ס'איז א מצות עשה מהתורה בשעת מ'האט צרכיו, איז מבקש מהקב"ה וואס דאס איז א מצות עשה מהתורה - מצות תפלה, דער אויבערשטער האט אנגעזאגט און וויבאלד אז "אינו מבקש אלא לפי כוחן" האט ער פריער געגעבן כח אז מ'זאל דאס קאנען דורכפירן, וואס דאס איז די צווייטע סברא אז "אדם לעמל יולד" מיינט "עמל שיחה".

אעפ"כ זאגט מען אז דער אדם איז א שכלי, דאס אלץ וואס מ'גיט עם כח צו מתפלל זיין נעמט ער, אבער עס נעמט ניט דורך די תכלית השלמות שלו, מ'האט דאך גערעדט אז "אדם לעמל יולד" איז ווייל מ'דארף האבן א טובה בשלמות. דארף דאך זיין דער אדם א שלם דער "מותר האדם על הבהמה" איז ניט אין זיין רגש הלב, אין וואס איז דער "מותר האדם", דאס וואס ער איז א מדבר, און ער האט א נפש השכלית. וואס א נפש השכלית בעיקרה ובמקומה, איז פארבונדן מיט "עמל תורה", מ'דארף האבן חכמה והבנה כדי מ'זאל זיין "משאו ומתנו באמונה", מ'דארף האבן די התבוננות שלפני התפלה, וואס דאס איז א ענין שבשכל, כדי דערנאך זאל זיין די תפלה ווי ס'דארף זיין, אבער דאס איז אלץ א שכל צוליב א צווייטע זאך, ובלשון חוקרי ישראל "שכל הנקנה", במילא וויבאלד אז מ'וויל האבן אז בא א אידן זאל זיין שלמות, איז ניט שייכות צו זאגן אז זיין שלימות, וואס דאס איז שכל, זאל דאס ניט ניצן און דעם עמל, דאס זאל זיין מערניט ווי א טפל צוליב "עמל שיחה" צוליב "עמל מלאכה", און די שלימות זיינע וועט ניט נעמען קיין אנטייל אין דעם "עמל". וואס דערפאר בלייבט די מסקנה "אדם לעמל יולד" - "עמל תורה" וואס דאס איז דער ענין פון תורה - "היא חכמתכם ובינתכם", דאס איז א ענין פון שכל, ביז ווי די גמרא זאגט אין חולין, אז אפי' ס'איז קיין נפק"מ ניט לפועל בנוגע צו קשקשים וסנפירים, וואס ס'דארף שטיין צוויי סימנים, נאר צוליב וואס זאגט מען דאס, כדי ס'זאל צוקומען א ענין אין הבנה והשגה - "יגדיל תורה ויאדיר" ס'איז ניט א ענין וואס איז נוגע דערפאר וואס ס'וועט זיין א נפק"מ למעשה, נאר כדי אין תורה זאל צוקומען א גדלות און זאל צוקומען "יאדיר" אין תורה איז דערפאר צוגעקומען ענינים אין תורה, וואס דערפאר שטייען ביידע סימנים, אע"פ אז ס'איז געבונג זאל שטייך נאר איינער פון זיי.

וואס דאס באווייזט אויף עיקר ענין התורה, אז דאס איז חכמה פאר זיך, "כי היא חכמתכם ובינתכם" איז דאס ניט פארבונדן מיט שיחה, עאכו"כ ניט מיט מלאכה,

און ווי גערעדט פריער וואס דוד המלך האט מתפלל געווען בכח התורה און האט געזאגט "זמירות היו לי חוקך", [וואס זמירות איז דאך א ענין פון תפלה, שירות ותשבחות, וואס תפלה איז דאך ענינה "לסדר שבחו של מקום ואח"כ יבקש צרכיו".] האט מען עם געזאגט אז ניט דאס איז די מעלה פון תורה, דאס איז אויך דא אין תורה אבער ניט דאס איז דער ענין התורה.

וואס דערפאר איז אויך בא "אדם לעמל יולד" איז די ערשטע סברה אז דאס איז דוקא דעם טעם פארוואס מ'דארף האבן זיין עמל, איז (דא דער פירוש פון) "עמל מלאכה", בשעת מ'כאפט זיך אז דער עולם איז איצטער ניט על מילואו מוז מען אנקומען צו "עמל שיחה", דערנאך קומט מען צו צו א העכערן אופן אין שלמות האדם וואס דאס איז דער שכל שבאדם ניט ווי שכל איז פארבונדן מיט רגש שבלב ותפלה שלו, ניט ווי שכל איז פארבונדן מיט "המעשה אשר יעשו ואלה אשר לא תעשנה", נאר ווי שכל איז בפני עצמו, - יגדיל תורה ויאדיר", וואס דערפאר איז די מסקנה אז "אדם איז לעמל יולד" איז "עמל תורה".

וואס דאס איז אויך דער ביאור בהמשך להאמור לעיל, אז "כימי צאתכם מארץ מצרים אראנו נפלאות איז דאך "ימי צאתכם מארץ מצרים", געווען פארבונדן ע"י ההקדמה פון דעם עמל וואס איז געווען, ווי ס'שטייט אין תורה "ויעבידו מצרים את בנ"י בפרך ובעבודה קשה בחומר ובלבנים את כל עבודתם אשר עבדו בהם בפרך", שטייט אויף דערויף אין זהר בנוגע צו דעם איצטיקער גלות אז בלבנים איז ליבון הילכתא, בחומר דא ק"ו, אז דורך דערויף וואס איצטער וועט זיין "עמל תורה", הארעווען אין לימוד התורה אין אן אופן וואס תורה רופט אן בשם יגיעה, אט דאס וועט פארבייטן דעם חומר און פרך ועבודה קשה, מיט כל הענינים, וואס זיינען געווען בא "ימי צאתכם מארץ מצרים", ע"י "עמל תורה" - יגיעה בתורה,"יגעת" וועט זיין דער "מצאת"די מציאה וואס באה בהיסח הדעת, ווי די גמרא זאגט אז ג' באים בהיסח הדעת, עקרב, דאס איז דער היפך פון תפלה, נחש כרוך על עקבו לא יפסיק מתפלתו, און "עקרב כרוך על עקבו יפסיק מתפלתו", איז ער בא בהיסח הדעת וואס דאס איז למטה מן הדעת, דערנאך איז דא דער ענין פון מציאה, און דערנאך איז דא דער ענין פון משיח - "מצאתי דוד עבדי", ע"י העמל בתורה ובפרט בעיקבתא דמשיחא וועט מען אראפ ברייגגען דעם "מצאתי דוד עבדי" און "דוד עבדי נשיא עליהם לעולם" בקרוב ממש בגאולה האמיתית והשלמה.

ה. ווי גערעדט פריער זיינען די אלע דריי סברות אפילו די קס"ד פון עמל מלאכה און עמל שיחה אויך א חלק פון תורה, וואס תורה איז מלשון הוראה, און תורה אור אויף באלייכטן דעם לעבן. איז דערפון גופא פארשטאנדיק אז ס'דארף זיין בפועל ע"פ תורה א סוג מענטשן וואס זייער ענין איז "עמל מלאכה", נאר ס'איז אויך אריינגעשטעלט עמל תזהה, אבער ניט אין א אופן של עיקר, ועד"ז עמל שיחה ועמל תורה.

און דאס איז ביז הלכה בפועל וואס מ'געפינט דאך בנוגע צו "עמל שיחה", אז אמר רב יוחנן [וואס ער איז דער געווען דער מסדר פון תלמוד ירושלמי וואס "הן זהב הארץ ההיא טוב" - "אין תורה כתורת ארץ ישראל".] "הלואי שיתפלל אדם כל היום כולו", וואס אמת טאקע אין תפלה איז אויך נכלל "איזהו מקומן", אע"פ אז דאס איז נתן געווארן (ווי דער רמב"ם זאגט) אין שפעטערדיקע יארן, איז דאך אויך פריער געווען דער ענין ההתבוננות, וואס דאס איז דאך ווי גערעדט פריער א ענין וואס איז פארבונדן מיט חכמה ובינה פון תורה, וואס דאס איז דאך דאס וואס "אין עומדים להתפלל אלא מתוך כובד ראש" און דער רמ"א פסק'נט פון תלמידי רבנו יונה מ'קומט צו "כובד ראש", ע"י התבוננות בגדלות השם, ובשפלות האדם, וואס ווי אזוי קומט מען צו וויסן פון גדלות השם און שפלות האדם, איז דאס ע"י התורה, וואס "היא חכמתם ובנתכם".

אבער דא איז (ווי גערעדט פריער) אז "חכמתכם ובינתכם" איז כדי ס'זאל זיין די תפלה, ועניננו איז "יתפלל אדם כל היום כולו". במילא איז בייז עם דער "אדם לעמל יולד" - עמל שיחה ע"פ תורה, וואס ר' יוחנן זאגט "הלואי" וואס דאס איז ניטא קיין ענין פון היפך התורה, נאר ער וויגטשט זיך "הלואי יתפלל אדם כל היום כולו"; עד"ז

איז אויכעט בא "עמל מלאכה", איז דאך דא דער פסק דין ביז ווי ס'איז אפגע'פסק'נט אין אונזער שו"ע, ניט אין זמנים מסוגלים, אז העוסקים בצרכי ציבור זיינען זיי פטור מן התפלה ומן התורה ומכל הענינים, דערפאר וואס זיי זיינען זיך עוסק אין צרכי צבור. אויב ס'איז נאר באמונה וואס דער ענין פון צרכי צבור איז דער ענין פון "עמל מלאכה", אפילו ווען ער איז זיך עוסק אין צרכי צבור אויפצוהאלטן לומדי תורה - "תמכין דאורייתא", איז דאס איז די וועלכע ער וועט ארויס העלפון אבער וואס איז עסקו ניט אין ענין התפלה, און ניט אין ענין לימוד התורה, נאר אין ענין פון עוסק בצרכי ציבור, וואס דאס איז דער ענין פון "עמל מלאכה".

דערנאך איז דא (ועאכו"כ) דער ענין פון "עמל תורה" - "תורתו אומנתו", וואס דעמולט איז ער דאך זיכער אויך מקיים דעם "אדם לעמל יולד" וכל שכן וק"ו פון דער "אדם לעמל יולד" פון "עמל שיחה" "עמל מלאכה" עוסקים בצרכי צבור, און "חסידים הראשונים היו מתפלל ג' שעות, [און פאר דערויף די התבוננות ולאחרי זה די התבוננות וכו'] ומתוך שחסידים הם איז תורתם משתמרת, אדער ווי דער לשון אין ירושלמי "מתברכת". ומלאכתם נעשית, אז דער ענין פון "עמל תורה" - תורתם האט איר תיקון, און "מלאכתם נעשית" דער ענין פון "עמל מלאכה", און זייער ענין איז געווען עמל התפלה, וואס דאס ווערט אויך אראפגעבראכט אין א פסק דין אין שו"ע, נאר מ'דארף האבן התפשטות הגשמיות ווי ער זאגט אין דער אלטן רבי'נס שו"ע, ועכ"פ עס איז דא דער מציאות אבער "התורה על הרוב תדבר", און וויבאלד אז "התורה על הרוב תדבר". און דאס איז די מסקנה פון דער גמרא אז ער דארף האבן דעם קס"ד פון "עמל מלאכה", און ער דארף וויסן פון דעם קס"ד פון "עמל שיחה" נאר ער דארף קומען לידי מסקנה אז "אדם לעמל יולד" איז "עמל תורה".

וואס קומט עס ארוים פון וויסן די קס"ד די מסקנה איז דאך ניט אזוי ? דאס באווארנט על הרוב ווי אזוי עס דארף זיין דער עמל תורה שלו, "תורתו אומנתו" איז רבי שמעון בן יוחאי וחבריו, ווי די גמרא זאגט אין שבת, בזמן הזה און אפילו בזמנו של רשב"י וחבריו זיינען די איבעריקע תנאים ואמוראים דעמולט געווען דער סדר פון קביעות עיתים בתורה בכל יום, און קביעות עתים אז "כל מי שאפשר לו לעסוק בתורה" האט ער עוסק געווען בתורה, זיי האבן אבער געדארפט וויסן פון די קס"ד פון "עמל שיחה" און "עמל מלאכה", וואס דאס איז ווי די משנה זאגט אין אבות, אז "כל תורה שאין עמה מלאכה אינה מתקיימת". ח"ו, לכאורה "אדם לעמל יולד" - "עמל תורה" וואס דארף ער אנקומען צו מלאכה ? וואס דאס איז די באווארעניש אז ער קאן זיך פארקאכן אין תורה, און פארגעסן אז עס איז דא ששים רבוא מישראל, וואס שטייען אין א מעמד ומצב אז ער מוז זיי ארויס העלפן, ניט דערפאר וואס ער איז בעל גאולה וכו'.

די גמרא זאגט און דער רמב"ם ברייגנט דאס אראפ אין פסק הלכה (כמדובר כמה פעמים) "לעולם יראה אדם עצמו שקול", עס איז א הוראה און א דין אין גמרא און דער רמב"ם ברייגנט דאס אראפ. וואס דער לשון אין רמב"ם איז מדויק דער טרוקינער דין ווי מ'זאגט איצטער אן קיינע רמזים, ס'איז דא אין דערויף רמזים אבער אין ענין יוצא מידי פשוטו, אז דאס איז פשט - אין פשוטם של דברים, זאגט דער רמב"ם לעולם אלע מאל, איז "יראה אדם עצמו שקול וכל העולם כולו שקול", און דאס איז ניט א זאך וואס ער דארף דאס טאן ווען ער איז פארמאטערט פון לערנען, ניט א זאך וואס ער דארף דאס טאהן איידער ער לייגט זיך שלאפן, זאגט דער רמב"ם לעולם אלע מאל, בשעת ער קאכט זיך און ליגט אין א סוגיא און אין עומק הסוגיא דארף ער דעמולט געדיינקען, און ער דארף קוקן אויף זיך, און אויף דער גאנצער וועלט, ער טאר ניט פארגעסן אויף דער וועלט, ווארום אז ניט האט די נשמה ניט געדארפט גיין למטה, קודם שירדה למטה איז זי געווען חצובה מתחת כסא הכבוד. און דארט איז איר געווען גוט, זי האט געהאט מערניט ווי געטליכקייט און במילא האט זי געקאנט לערנען תורה ע"ד ווי מ'לערנט תורה אין גן עדן, די מצות בג"ע איז ניטא, אבער לימוד התורה, ווי די גמרא דערציילט בא רבה בר נחמני אז ס'איז דא מתיבתא דרקיעא, און בכמה מקומות בזהר אז מ'זיצט דארט און מ'לערנט.

אט דאס וואס מ'האט עס געבראכט לעולם הזה, כדי ער זאל קוקן אויף וועלט אז

עס איז דא א וועלט, און די וועלט איז ניט וואס זי קאן זיך פירן ווי זי וויל, נאר ער דארף קוקן אויף וועלט אז דאס איז א "עולם שקול", די וועלט קוקט ארויס אויף עם אז ער זאל מאכן א מעשה א דיבור אדער א מחשבה וואס זאל מכריע זיין סיי עם און דער עיקר כל העולם כולו לכף זכות.

לכאורה איז דאך "אדם לעמל יולד" ער טוט ווי די מסקנה איז, ער הארעוועט אין תורה, און וויל ניט האבן קיינע ענין המבלבלים, זאגט מען טאקע אז "אשרי חלקו", און דאס איז די מסקנה, און זיין שלמות אבער דאס איז "תורה שאין עימה מלאכה", דערנאך דארף דאך דאס ארויסווירקן בפעולתו בעולם, און ניט אין פעולתו בעולם בשעת ער וועט קומען אין א ארט וואס דארט איז רובן זכאים און מ'וועט עם דארט ניט מונע זיין, זאגט מען עם לכתחילה אז עס איז מחצה על מחצה, לכאורה איז דאך דאס היפך הדין, כל ישראל זיינען דאך בחזקת כשרות, איז לכאורה קוקט ער אויף וועלט, איז גוים זיינען דאך ניט קיין בעלי בחירה, די הנהגה פון גוים הייבגט אפ ווי די אידן פירן זיך, און אידן זיינען בחזקת כשרות, איז וואס זאגט מען עם אז ס'איז שקול מחצה על מחצה, בחזקת כשרות דארף זיין רובו זכאי ? זאגט מען ניין, בשעת עס קומט צו זיין עבודה צו זיינע א מחשבה, צו זיינער א דיבור אדער צו זיינע א מעשה, איז דעמולט דער עולם שקול, און דאס איז לעולם, בשעת ער האלט אינמיטן "עמל התורה". איז כדי זיין תורה זאל האבן א קיום דארף ער הארעווען אין תורה און טאן אין תורה אין אזא אופן אז די וועלט זאל דערנאך נהנה זיין מתורתו.

און ניט נהנה זיין דוקא דורך דערויף וואס מ'וועט עם מאכן פאר א ראש פון כל הגולה כולה, און ער וועט זיי זאגן א שיעור און וועט בלייבן ליגן אין "עמל התורה", זאגט מען, ניין! כדי אז דו זאלסט צוקומען צו דער מסקנה פון "עמל תורה", דארפסטו פריער דורכהארעווען און דורכלערנען דעם ענין פון "עמל מלאכה", און בשעת דו וועסט קומען לידי מסקנה אז דאס איז ניט גענוגע צו שלמות האדם, דארפסטו צוקומען צו דער עבודה אז איצטער דארפסטו דורכלערנען די סברא פון "עמל שיחה", און ערשט דערנאך וועסטו צוקומען צו דעם שלמות פון "אדם לעמל יולד" - "עמל תורה", פון וואו ווייסט מען דאס גופא ? פון תורה, כדי צו וויסן אז "אדם לעמל יולד", אז קס"ד אז דאס איז "עמל מלאכה", מוז מען לערנען תורה אויף דערויף, און אן תורה ווייס ער דאס אויך ניט.

אבער בשעת ער לערנט תורה, און לערנט תורה אין אן אופן פון "יגעת ומצאת", איז די ערשטע הנחה דארף ביי עם ניט זיין אז "אדם לעמל יולד" - עמל תורה, זיך איין שליסן אין תורה און ס'זאל עם ניט אן גיין די גאנצע וועלט - לעולם ומלואה, וואס עס טוט זיך מיט דער גאנצער וועלט, עאכו"כ מיט די אידן וואס זיי זיינען אין דעם ליגקן מחצה פון דעם מחצה שקול, זאגט מען ניין! ניט דאס איז די וועג וואס דו וועסט צוקומען צו דיין שלמות אין "עמל תורה", די ערשטע הנחה דיינע דארף זיין "עמל מלאכה", נאך איידער עס איז געווען דער "יגברו רחמי על כעסי", ווי דער עולם שטייט נאך אין א כעס, מיט א מדידה והגבלה, ער זעט דעם עולם אויף א עולם שקול, בשעה ער לערנט תורה ווי לכתחילה און דער ערשטער אפלייג ביי עם איז, אז די ערשטע זאך דארף ער אופטאן מיט א צווייטן אידן, דורך דערויף וואס עס וועט זיין מצוות שבין אדם לחברו, ומשאו ומתנו באמונה, איז ערשט דערנאך דורכגייענדיק דעם קס"ד פון תורה קאן ער דערנאך צוקומען צו קאנען מתפלל זיין צו הקב"ה, ווארום אויב איז ווי ער זאגט אין ישעיהו בתחילתו "מי בקש זאת מידכם", בשעת ידכם איז מלאו מיט דעם גאנצן ענין ווי ער איז דארטן מפרש.

ווי אזוי קומט ער צו דער קס"ד - צו דער עבודה פון "עמל שיחה", אז ער לערנט פריער דורך דעם "עמל מלאכה", און דעם "נשאת ונתת באמונה", במילא איז ער יעמולט מקיים "הזכו" מיט דער גאנצע אריכות וואס ער זאגט דארטן (אין ישעי'), איז דעמולט ווערט דער ביקש אז מ'זאל קומען מתפלל זיין לפני הקב"ה.

וואס דאס איז דאך איינע פון די פירושים אז לפני התפלה דארף זיין דער נתינת פרוטה לעני, איידער ער הייבט אן מתפלל זיין צו דעם אויבערשטן פארנעמט ער זיך

מיט תקון העולם מיט "עמל מלאכה", דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט אז עס איז דא עשירים ועניים, איז דאס ניט ווי די שאלה פון דעם פילוסוף טורנסרופוס הרשע ביי רבי עקביא: ווי אזוי קאן מען געבן צדקה דעם עני, דער אויבערשטער האט עס דאך באשאפן א עני ? נאר דער אויבערשטער האט אזוי געוואלט אז ס'זאל זיין חסד ואמת מן ינצרוהו, ווי ער זאגט אין מדרש אמר דוד לפני הקב"ה וואס איז דאס פאר א ענין פון עניים ועשירים האט אים דער אויבערשטער געענטפערט אז דער גאנצער ענין איז אז עס זאל אראפ גיין די שאלה פון "חסד ואמת מן ינצרוהו", ווען איז די צייט אויף "עמל מלאכה" אין תיקון העולם ? איידער ער שטעלט זיך דאווענען נאך איידער ס'קומט "עמל שיחה", און נאך דערויף וואס "יהיב פרוטה לעני (ו)הדר מצלי" דעמולט איז מען מקבל די תפלה - "אני בצדק אחזה פניך", וואס דאס לערנט מען אפ פון דעם וואס רבי אליעזר יהיב פרוטה לעני והדר מצלי, וואס דאס קומט און עס ווערט אראפגעבראכט אלס א פסק דין פשוט אין שו"ע.

וואס דערפון איז א הוכחה אז עס איז א פסק דין בשוה לכל אחד מישראל, וואס דאס איז ווי געזעגט פריער אז די התחלה הייבט זיך אן פון "יהיב פרוטה לעני", דערנאך קומט דער "(והדר) מצלא", און דערנאך גייט ער מבית הכנסת לבית המדרש עמל תורה אזוי איז דער סדר, און דער סדר אז כאמור "תורה על הרוב תדבר", אט דאס איז דער סדר ע"פ שו"ע, ער הייבט אן פון ביהמ"ד פון "יהיב פרוטה לעני" דערנאך איז דא דער ענין, פון ביה"כ - "והדר מצלי", און דערנאך איז דא מביהכ"נ לביה"מד דער ענין פון "עמל תורה".

וואס כאמור דעם סדר עצמו ווייסט מען פון תורה, וואס דערפאר איז קודם כל לימוד התורה, ווי אזוי ווערט אבער דער שלמות אין לימוד התורה ? ניט ח"ו ער רייסט זיך אפ פון דער וועלט פון אידן, און טראכט זיך אז דער אויבערשטער האט א וועלט און ער האט איר באשאפן און ער איז משגיח על כל אחד ואחת בהשגחה פרטית, וכו', וכידוע דער סיפור מיט איינעם פון די גדולי ישראל וואס ער האט געזאגט אז אלע ענינים וואס ס'איז דא אין וועלט איז דאס דערפאר וואס זיי זיינען דא למעלה אין קדושה, דערנאך קאן דאס אראפקומען אין וועלט ע"י השתלשלות והעלמות והסתרים אפילו אין א ענין הפכי, און בדוגמא ווי דער לשון הרגיל במדרש אז בנוגע צו דעם אויבערשטן איז למה הדבר דומה למלך בשר ודם, און בלשון הגמרא "מלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיע" און דערנאך דער צווייטער נוסח אז "מלכותא דרקיע כעין מלכותא דארעא", עד"ז איז כל הענינים בעולם זיינען נשתלשל געווארן פון די ענינים שלמעלה ביז ווי די ענינים שטייען קודם החטא וואס דעמולט איז דאך ניטא מער ווי ענינים של קדושה וטהרה, וואס דערפאר איז יעדער ענין אין וועלט מוז האבן א דוגמא אין א ענין של קדושה.

וואס דאס איז דאך ווי די גמרא איז מרמז כדרך פון כמה לשונות חז"ל "כל מאן דאסר רחמנא שרא לן כוותא', וואס איז דא דער אויפטו אז ס'קען ניט זיין א ענין וואס זאל זיך אנהייבן פון איסור, וואס זאל ניט האבן קיין שורש ומקור אין היתר, אויב "אסר לן רחמנא" מוז זיין "שרא לן כוותא" ווארום אויב ס'איז ניטא אין היתר פון וואו איז דאס געווארן אין איסור ?

נוסף על הביאור אז ס'איז בכדי מ'זאל וויסן אז עס איז ניט מצד א טעם שבדבר נאר דאס איז גזרת הקב"ה, איז דאך דא דער צווייטער ביאור אז וויבאלד אז עס איז דא "אסר לן", דארף מען ניט מיינען אז דאס איז א מציאות וואס האט ניט קיין "מזל מלמעלה המכה בו ואומר לו וכו'" נאר ס'דארף זיין דער ענין פון "שרא לן כוותא", וואס אויף דערויף האט מען געפרעגט בא דעם גדול בישראל וואו איז דא דער ענין וואס ער האלט ניט פון דעם אויבערשטן ר"ל - ער טראכט "לי יאור ואני עשיתיני". וואס דאס איז דאך דא אזא מציאות אין וועלט ווי דער נביא זאגט בנוגע צו פרעה און מ'דארף ניט האבן קיין ראיה, מ'זעט דאס ר"ל, מ'קאן געפינען אזא וואס גייט ארום און טענה'ט "לי יאורי ואני עשיתיני". ווי אזוי קאן זיין אזא מציאות אויב עס איז ניטא אין קדושה, ווי אזוי איז שייך זאגען אין קדושה אז עס איז א דבר קדוש א איש קדוש אדער א דבר קדוש. וואס זאל זאגן "אני עשיתיני" ?



הנחה פרטית בלתי מוגה

האט ער אויף דערויף געענטפערט, אז בשעת עס קומט צוגיין א איד און בעט א טובה, קאן ער זאגן "אנו אין לנו להשען אלא על אבינו שבשמים", ס'איז דא א כל יכול וואס ער פירט אן מיט די גאנצע וועלט און ער איז משגיח על כל אחד ואחת בהשגחה פרטית. דארף ער עם ארויסהעלפן אין זיין ארבעט ? דער אויבערשטער וועט אליין ביישטיין זיין וועלט! אז עס קומט א עני און בעט ביי עם צדקה, זאגט ער אז ער איז בטוח אז וואס עס דארף דעם עני אנקומען וועט ער זיכער האבן, ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין אגרת הקדש בארוכה; דאס וואס עס איז יענעם באשערט, אזוי ווי די גמרא זאגט אז "מזונותיו של אדם קצובים, מראש השנה עד יום הכפורים". וועט ער דאך זיכער באקומען דאס במשך השנה. איז אז יענער קומט צוגיין און בעט ביי עם געלט אויף מזונות, טראכט ער ביי זיך ער איז א מאמין און מאמין אין דעם אויבערשטן און אין תורה, און תורה זאגט אז די מזונות פון דעם עני איז קצובים לו מראש השנה ועד יום הכפורים, איז שוין אפגע'פסק'נט, איז ממה נפשך אויב עס קומט ניט קאן דאך ניט זיין אז ער זאל עם געבן, נאר וואס עס קומט עם יא איז דאך ווייטער קיין נפקא מינא ניט, איז אויב ער וועט עם געבן וועט ער באקומען דורך עם, וועט ער עם ניט געבן וועט ער דאס באקומען דורך אן אנדער ?

און דא דארף מען האבן אז עס זאל ניט זיין דער "להשען על אבינו שבשמים", תורה זאגט אן, אז אויב עס קומט אן עני האסטו ניט קיין חשבונות דער אויבערשטער וויל אז "פתח תפתח" דו זאלסט עפענען דיין האנט, דו זאלסט געבן !

וואס עד"ז איז בנוגע צו "עמל תורה", אז א איד הייבט אן לערנען תורה און זאגט אז דאס איז זיין ענין, זאגט מען אז רב שמעון בר יוחאי וחבריו וואס תורתם איז געווען אומנתם, איז דאס אויך געווען בשעת מ'איז געזעצן אין מערה, אבער בשעת מ'איז ארויסגעגאנגען פון דער מערה איז רבי שמעון בר יוחאי ארומגעגאנגען און האט געזוכט ביז ער האט געפונען און מטהר געווען וכו', ווי די אריכות הסיפור אין גמרא שבת און מדרשים באריכות יותר.

און אט דאס זאגט מען אז נאכדעם ווי ער האט געלערנט די תורה ע"מ לעשות, במילא ווייס ער אז עס די ערשטער קס"ד דארף זיין פון "עמל מלאכה" דערנאך "עמל שיחה" און נאר דערנאך "עמל תורה", ווי אזוי קאן ער צוקומען צו שלמות "עמל תורה", איז דאס דעמולט ווען ער טוט אויף חלקו אין דעם ענין פון "עמל מלאכה", און דערנאך בשעת ער טראכט אז תורתו נקראת על שמו וואס דארף ער האבן סייעתא דשמיא אז "אלה ברכב ואלה בסוסים" און קאן באשטיין מיט זיינע רכב וסוסים מיט זיין חכמה ובינה זאגט מען אז "שמעתתא בעי צלותא".

ווי אזוי וועט ער צוקומען צו "צלותא" דארף ער האבן א תפלה צו הקב"ה אדער אין אנאנדער נוסח די ברכת התורה כדי דערנאך זאל זיין לימוד התורה כדבעי, און ווי געזעצט פריער ווי דער סדר איז אפילו בא תורתו אומנתו איז דאך דער פשוט ער דין אז איידער ער זעצט זיך לערנען תורה דארף ער פריער זיין בבית הכנסת און מתפלל זיין תפלתו, און דערנאך גייט ער אין בית המדרש.

ביז אז אפילו בכל העולם כולו ניט נאר אין יחידי סגולה, ווייל "תורה על הרוב הדבר" ס'איז דאך דא די וואס חלקם איז ע"ד ווי זבולון "נשאת ונתת באמונה" איז עניינים פון עסק, עניני העולם עוסקים בצרכי ציבור. דארפן זיי וויסן אז דאס איז מערב'ט ווי א התחלה, און ער מוז האבן יעדער טאג א "עמל שיחה" און א עמל תורה, איי איז דאך די שאלה עס איז דא א דין אין שו"ע אז עוסקים בצרכי צבור פטורים מן התפלה ומן התורה וכו' איז דער ענטפער אויף דעם אז דאס דוקא אויב עס טרעפט זיך אין דער צייט וואס ער איז זיך עוסק בצ"צ, און דאס קומט אין דער צייט וכו', די וועלט איז אבער באשאפן געווארן אין אן אופן אז מ'קאן זיין א עסקן צבורי און א מסור ונתון אין עסקנות צבורית און אעפ"כ איז ער מתפלל תפלתו אן מחשבות מבלבלות אפילו ניט פון עסקונת הצבורית, עאוכ"כ אז ער מוז האבן א קביעות עתים לתורה דעם עמל תורה".

די נפק"מ איז נאר ווי דער אלטער רבי זאגט אין אגרת הקדש, וואס איז ביי עס מער אין כמות און וואס וויניקער אין כמות, ער איז עוסק בצרכי צבור באמונה האט ער א קביעות עתים לתורה און האט א קביעות עתים לתפלתו ניט ווי חסידים הראשונים ט' שעות ביום נאר וויניקער, און שאר כל היום איז ער עוסק בצרכי צבור, אויב עס מאכט זיך אז די צ"צ פארציט זיך לייגגער איז ער דאן פטור מן התפלה וכו', אבער דער סדר הרגיל איז אז ווען איז ער מצליח אין עסקנות צבורית אז ער לערנט פריער שו"ע און זעט דארטן אז העוסק בצ"צ איז פטור מן התפלה אויב דאס איז מבלבל די עסקנות צבורית. ווי תוספות זאגט בנוגע צו סוכה, אז דאס וואס "העוסק במצוה פטור מן הסוכה", איז ניט דער פשט גלאט אזוי אויב ער איז עוסק במצוה, נאר אויב דער זיצן אין סוכה איז א מניעה צו דעם עוסק במצוה, דעמולט איז ער פטור פון סוכה, עד"ז איז אויך בנוגע צו עסקנות צבורית ניט ווילבאלד ער איז אן עסקן צבורי איז ניטא אויף עם דער חוב פון קביעות עתים בתורה ועבודת התפלה, זאגט תוספות ניין! אויף עם ליגט א חוב פון תורה אויף עם ליגט א חוב פון תפלה וכו', נאר אויב דאס איז מבלבל צו עסקנות פון צ"צ באמונה, דאן באפרייט מען עם מצד דעם וואס ער איז זיך עוסק בצ"צ באמונה,

און ווי מ'זעט בפועל אז ווען איז די עסקנות צבורית באמונה, בשעת ער מישט ניט אריין קיין איגענע פניות וואס דאס ווערט ע"י עבודת התפלה, בעט ער בא דעם אויבערשטן אז אהבת עצמו זאל ניט מכסה זיין אויף די עיוותים וקלקולים וואס קאן ארויס גיין אין עסקנות צבורית מצד ענינים צדדיים און מצד פניות וכו', עד"ז אז כדי ס'זאל זיין עסקנות צבורית אז ער זאל ויסן וואס דארף ער זיך משתדל זיין אז עס זאל ווערן שטארקער און וואס דארף ער ניט צולאזן איז די איינציקע וועג אויף דערויף ניט קיין שכל אנושי און ניט מה יאמרו הבריות נאר די איינציגע וועג איז אריינקוקן אין תורת אמת, וועט ער דארט זען, וועלכע עסקנות צבורית איז ראוי' לשמה און וועלכע עסקנות איז דער היפך פון טובת הצבור.

ועד"ז בנוגע צו עבודת התפלה, און ווי דער אלטער רבי טיישט אז עס דארף זיין "עיניו למטה ולבו למעלה", ער דארף ניט פארגעסן אז עס איז דא א וועלט, אפילו ווען ער שטיט "כעבדא קמיה מריה", כמבואר בתורה אור, ועד"ז ב"עמל תורה" כמדובר לעיל, בשעת עס איז דא די אלע זאכן צוזאמען, וואס דאס זיינען די שלושה עמודים, דער ענין פון "עמל מלאכה", ווי גערעדט פריער "יהיב פרוטה לעני" - דער קו פון גמילות חסדים, דער קו פון עבודה וואס "תפלה במקום קרבן תקנו" דער קו האמצעי - דער קו התורה "עמל תורה", אט דעמולסט ווערט דער העולם עומד - עולם קטן זה האדם, און דורך דערויף איז "מכריע עצמו וכל העולם כולו לכף זכות", וואס דעמולט איז דער עולם ברובו נידון, ונידון בטובו, ובטובו של ממה"ה הקב"ה ווערט דער עולם מוכרע צו כף זכות, ביז דער עולם ווערט "במילואו", אז עס ווערט מקוים "אלה תולדות פרץ, מלא כתיב", בביאת משיח צדקנו וואס דעמולט וועט זיין דער לתקן עולם במלכות ש-ד-י, ביז ס'וועט זיין ו"אז אהפוך את כל העמים כולם לעבדו כולם שכם אחד", ובקרוב ממש.

צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה ביום עשתי עשר יום נשיא לבני אשר גו'.

(לאחר המאמר ד"ה בעשתי עשר יום, ניגנו ניגון "בך ה' חסיתי, בהתעוררות גדולה, ואח"ז אמר השיחה דלהלן.)

ו. אזוי ווי ס'איז דא א ענין וואס מ'דארף אים אריינשטעלען מיט א שטארקייט, במילא האב איך געווארט ס'זאל זיין א התעוררות, אויך א התעוררות ניכר בגילוי.

וואס דאס איז וואס מ'האט דאך געפרעגט אזוי ווי ס'איז דאך "ימי שנותינו בהם שבעים שנה", איז וואס קלייבט מען זיך טאן נאך דערויף, לכאו' איז יעמולט א ציט טראכטען ווענען אפרוען זיך וכו' וכו', האב איך געענפערט, אז ערשטנס דארף מען ניט קוקען אויפן פאספארט, נאר מען דארף קוקען ווי מ'פילט זיך, און וואס